בעזרת השם יתברך

ספר

# דברות קודש

וספר

# גואל ישראל

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## דברים קילורין לעינים
## בהשקפה בהירה
## לאור המצב הקשה באה"ק

יו"ל ע"י
ועד להוצאת ספרי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
תשרי שנת תשפ"ד לפ"ק פק"ק קרית יואל יצ"ו

כל הזכיות שמורות להמו"ל ©
**ועד להוצאת ספרי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**להערות והארות יכולין לפנות**

**845 418 - 4421 ~ 845 662 - 4196**

בעזרת השם יתברך

# ספר

# דברות קודש

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**דברים קילורין לעינים**
**בהשקפה בהירה**
**לאור המצב הקשה באה"ק**

יו"ל ע"י
ועד להוצאת ספרי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
תשרי שנת תשפ"ד לפ"ק פק"ק קרית יואל יצ"ו

# תוכן הענינים


דברות קודש - מוצאי שמחת תורה תשפ"ד ........................ ................................ג
די תורה'דיגע בליק בשעת א מלחמה - ער"ח שבט תשנ"א...............................…ה
נאר דער בוכ"ע קען דאס אפשטעלן - כ"א כסלו תשס"ב ................................ ... יא
אין כוחינו אלא בפה מתפלל זיין - חוהמ"פ תשס"ב ................................ ........... טו
ווי אזוי רעדט מען נייעס - ג' וארא תשס"ט ................................ .......................יז
נקמה נאר דורך השי"ת אליין - ה' תולדות תשע"ה ................................ .............כ
קוקן רציחה ברענגט ח"ו רציחה - ס"ג פינחס תשע"א ................................ .........כז

# קונטרס
# ילקוט דברות קודש

## דברים קילורין לעינים בהשקפה בהירה

## דברות קודש

**מוצאי שמחת תורה שנת תשפ"ד לפ"ק**
בחצר ביהמ"ד הגדול קרית יואל יצ"ו

**וידב בבת יהודה תאניה ואניה**

מ'איז געזעצן פריער ביים טיש און מ'האט געזינגען א ניגון וואס דער מחבר איז דער הייליגער קדושת לוי, דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב ז"ל, מ'האט געזינגען 'נעבעך נעבעך ונחשבת כצאן טבחה', מ'האט עס איבערגעזינגען נאכאמאל און נאכאמאל, יעדער האט פארשטאנען וואס מ'האט געמיינט און וואס מ'האט אינזין געהאט, ס'איז זייער ווייטאגליך די שמועות וואס מ'הערט פון ארצינו הקדושה, ונחשבת כצאן טבחה, ס'טוט זייער וויי, ס'טוט זייער וויי.

זכרתי ימים מקדם, פופציג יאר צוריק, איז געווען א מלחמה אין ארץ ישראל, מ'רופט עס די יום כיפור מלחמה, ס'איז שוין היינט פופציג יאר, חול המועד סוכות איז נאך אנגעגאנגען די מלחמה. איז דעמאלטס געווען אן אסיפה ביים פעטער ז"ל וועגן דעם מצב, דעם טאטן ז"ל האט

מען אויך גערופן צו די אסיפה, איך בין געווען א יונגערמאן און איך בין מיט געגאנגען איך בין אויך געווען ביי די אסיפה, איך געדענק ס׳איז געווען אין די אושפיזא פון יוסף הצדיק חול המועד סוכות - דער פעטער ז״ל האט געדאווענט מנחה מיטן ציבור, און ער האט מיר מכבד געווען צו דאווענען פארן עמוד, ווייל ס׳איז געווען די יארצייט פון די באבע דעם ייטב לב׳ס רעבעצין, ד׳ דחול המועד סוכות - איז געווען אן אסיפה, געדענק איך דעם צער וואס איז געווען על פניו הקדושים פון די חללים צוליב די מלחמה, ער האט זיך זייער מצער געווען.

און מ׳געדענקט עס פון נאך פריער, ווען סאיז געווען די אנדערע מלחמה תשכ״ז, די גרויסע צער וואס ער האט געהאט ווען נעבעך אידישע קינדער זענען אומגעקומען.

ס׳איז זייער שווער צו זאגן, נישטא געננוג ווערטער ארויסצוברענגען די צער וואס טוט וויי פאר יעדן איד, וירב בבת יהודה תאניה ואניה, אזויפיל הרוגים נעבען, שרעקליך, שרעקליך וואס מ׳הערט.

דער אייבערשטער זאל העלפן ס׳זאל נישט מער פארקומען אזעלכע זאכן, ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו, אין קיין שום פלאץ נישט, דער אייבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט, דער שומר ישראל זאל האלטן די רעכטע האנט אויף אלע אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם, מ׳זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

# די תורה'דיגע בליק בשעת א מלחמה

**בעצרת התעוררות בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב וויליאמסבורג**
יום א' בא ער"ח שבט שנת תשנ"א לפ"ק

## לומדי תורה היטן אפ די שטאט ירושלים

דער פסוק זאגט (ישעיה סב ו) **על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים,** השי"ת האט געשטעלט שומרים אויף די שטאט ירושלים, און די זעלבע איז אויף די איבריגע שטעט, ווער זענען די שומרים, דער ערשטער שומר איז **הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל** (תהלים קכא ד), דער שומר ישראל איז דער וואס היט אויף אידישע קינדער.

ס'איז ידוע דער מאמר חז"ל (איכ"ר פתיחתא ס"ב) ווען א אמורא איז געקומען אין שטאט האט ער געהייסן מען זאל אים ברענגן די נטורי קרתא, האט מען אים געברענגט פארשידענע פריצים, האט ער זיי געזאגט אילין מחריבי קרתא, די זענען נישט קיין נטורי קרתא, דאס זענען נישט די שומרים, ווער זענען די נטורי קרתא, **האט ער געהייסן ברענגן די ספרייא, די מלמדי תינוקת, די וואס זיצן און זענען עוסק בתורה, די זענען די נטורי קרתא, זיי היטן אפ א שטאט ס'זאל חלילה נישט חרוב ווערן.**

על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים, השי"ת האט געשטעלט שומרים, ווער זענען די שומרי משמרת הקודש וואס היטן אפ די שטאט ירושלים - אדער אלע אנדערע שטעט ווי עס וואוינען אזויפיל אלפים ורבבות אידישע קינדער שומרי תורה ומצות וואס זענען אין אזא סכנה עצומה - **דאס זענען די אידן וואס זיצן און לערנען, די תלמידי חכמים**

יראי ה׳, די וואס זענען משים לילות כימים, זיצן און זענען עוסק בתורה, די זענען די נטורי קרתא.

ואלה הצאן מה חטאו, די תשב״ר אין ארצינו הקדושה אזויפיל טויזנטער אידישע קינדער שלא טעמו טעם חטא זענען אין אזא סכנה עצומה, מען קען זיך גארנישט משער זיין, מען האט דאס נאך נישט מיטגעמאכט, וואס פאר א סכנה ס׳הערשט דורך די כלי משחיתים, ווער האט דען נישט א קרוב צו א גואל צו א גוטער פריינט אין ארץ ישראל, צו אפילו סתם אידן, כל ישראל ערבים זה לזה, אזויפיל אלפים ישראל זענען אין א צרה, מען קומט זיך צוזאם און ס׳איז א צייט מעורר רחמי שמים צו זיין.

## אין א זמן צרה דארף מען מפשפש במעשים זיין

און באמת איז א גרויסע צרה, מען דארף מפשפש במעשים זיין, גארנישט איז נישט קיין מקרה, מען דארף וויסן אז אין יעדע זאך איז דא א יד ה׳ וואס פירט די וועלט, און אויב ער האט געברענגט די צרה איז עס וועגן דעם אז אידישע קינדער זאלן זיך בארעכענען ווי מען האלט. מיר קומען זיך דא צוזאם און מיר בעטן דעם גרויסן רחמנות׳דיגן באשעפער דער אב הרחמים ער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער וואס געפינען זיך דארט, זיי דארט זענען מתפלל, און אונז דא קומען זיך צוזאם.

דער פעטער ז״ל (דברי יואל פ׳ תולדות) טייטשט די גמרא (כתובות עה.) ולציון יאמר איש ואיש יולד בה, אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה, סיי ווער ס׳איז געבוירן אין ארץ ישראל, און סיי ווער ס׳איז מצפה לראותה האט א דין ווי א איש ארץ ישראל. זאגט ער ס׳האט א דין ווי דעם אזוי ווי דער רמב״ן (עירובין יז:) זאגט אז די סברא פון עירובי

תחומין איז וועגן דעם, ווייל דארט ווי די מחשבה פונעם מענטש איז, דארט געפינט זיך דער מענטש.

א איד איז מתפלל דורך ירושלים, ווי די גמרא זאגט אז מען דארף מכוין זיין לבו לירושלים, ממילא אז מען איז מכוין לבו בתפלה קיין ירושלים, געפינט מען זיך אין ירושלים, ממילא האט דער גאנצער כלל ישראל א שייכות און א קשר צו די אידן וואס וואוינען אין ארצינו הקדושה. די אלע זענען זיך מצער, עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, מיר וויינען מיט די אידן וואס זענען דארט בצרה ובשביה, און מען איז מתפלל אז קיינער זאל נישט ניזוק זיין.

### פון די ציונים קומט נישט ארויס קיין גוטס

אבער אין די זעלבע צייט ווען מען איז מתפלל צו הקב״ה און מען בעט השי״ת ברחמים ובתחנונים, דארף מען וויסן און האלטן קלאר, זיך נישט ארײנצולאזן אין קיין בלבול המוחות, מען דארף צו וויסן קלאר און דייטליך אז מרשעים יצא רשע, מען דארף נישט צו האפן אז פון רשעים זאל זיין א ישועה, מען דארף צו וויסן אז קיין הצלה קען נישט זיין פון קיין רשעים, מען ווייסט דאך נישט מה יולד יום.

דער פעטער ז״ל האט געזאגט אז ער האט מורא אז ס׳וועט נאך קומען א צייט וואס ממש ס׳וועט זיין נסי שמים פאר רשעים, און ס׳וועט זיין נסיונות גדולות ועצומות, דארף מען זיין געפאסט אויף אלעמען, אין אתנו יודע עד מה ווי אזוי דאס עסק וועט זיך ענדיגן, השי״ת זאל אוודאי העלפן ס׳זאל זיך ענדיגן לייכט, און ס׳זאל זיין צום גוטן אן קיין שום צער, מען ווייסט דאך אבער נישט ווי אזוי די ישועה וועט קומען.

אידישע קינדער דארפן זיין געפאסט די מוחות זאל נישט נתבלבל ווערן פון די פראפאגאנדע וואס איז דא היינט, צו די פראפאגאנדע וואס

וועט קומען אין עתיד - אונז ווייס מיר דאך נישט וואס ס'וועט זיין - אבער היינט איז שוין נישט אזוי ווי פאר צוואנציג יאר, ב"ה דער פעטער ז"ל האט זיך דעמאלטס מייגע געווען ימים לרבות הלילות און מברר געווען מיט אש שחורה על גבי אש לבנה, ער האט דאס אראפגעשריבן לדורות עולם אז מען זאל וויסן קלאר **מען זאל נישט כאפן קיין התפעלות אפילו ס'וועט זיין נצחונות גדולות ועצומות פאר רשעים, דארף מען וויסן אז דאס איז אלעס א כח פון די סטרא אחרא, השי"ת טוט זיך נישט באדינען מיט קיין רשעים, נישט ער מאכט נסים דורך רשעים און נישט ער מאכט נצחונות פאר רשעים**, אלעס קומט פון יענע זייט און מען טאר נישט כאפן קיין התפעלות. עס איז קלאר היינט פאר די אלע אידן וואס זיצן דא אין ביהמ"ד, און מען דארף נישט מער ווי א קורצע חזרה איבער'חזר'ן די אלע ענינים.

## דער איסור משבח צו זיין זייער מיליטער

ס'שטעלט זיך א שאלה וואס רבים וגם שלמים פרעגן, און ס'איז אפשר גוט אויסצושמועסן ברבים, מען פרעגט, וואס איז די עולה אז מען זאגט אז דאס ציוני'סטישע מיליטער איז אזוי שטארק, זיי זענען געשיקטע פילאטן און זיי קענען באווייזן קונצן, סוף כל סוף זענען זיי דאך געשולט, און אפשר קענען זיי בעסער ווי א צווייטן, וואס איז די עולה אז מען טוט דאס משבח זיין.

נאר מ'קען זאגן א קורצער הסבר, יעדער איד גלייבט אין בריאת שמים וארץ אז ס'איז דא איין איינציגער באשעפער און ס'איז נישטא קיין שותפות, יעדער איד גלייבט אין מתן תורה, אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, השי"ת פירט די וועלט כרצונו.

אבער דער רמב״ם פרעגט די קשיא, אויב אזוי אז השי״ת פירט די וועלט, ווי אזוי איז דאס א מציאות אז ס׳זאל זיין א בחירה חפשית, ווי איז דאס א מציאות אז א רשע זאל קענען עסן חלב אדער נבילה, אדער ער זאל נישט וועלן מקיים זיין א מצות עשה, איז דער רמב״ם מסביר אז דאס איז קלאר אז ס׳איז דא א בחירה חפשית, ווייל אזוי איז דער רצון הבורא, אבער איין זאך דארף מען צו וויסן, אז א בחירה חפשית איז נאר דארט ווי ס׳איז נוגע א מצוה פרטית בין אדם למקום צו אפילו בין אדם לחבירו, אבער א זאך וואס איז נוגע אין הנהגת העולם דארט איז נישט שייך צו זאגן דעם גאנצן עסק, אונז גלייב מיר באמונה שלימה אז השי״ת האט באשאפן די וועלט, און אונז גלייב מיר אין די תוה״ק אז דאס איז א נצחיות, און די תוה״ק האט געזאגט אז אויב חלילה מען וועט נישט האלטן די תורה וועט מען גיין אין גלות, דער גלות איז נישט א זאך וואס איז געקומען פון זיך אליין, דער גלות איז א זאך וואס דער מסבב כל הסיבות האט מסבב געווען, מפני חטאינו גלינו מארצינו. און די זעלבע זאך די גאולה העתידה וואס וועט קומען פון השי״ת, שטייט אין די תוה״ק אסאך מאל ושב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה׳ אלקיך שמה, די גאולה שלימה איז תלוי אין הקב״ה, און נאר אין הקב״ה און אין קיינעם נישט אנדערש, און אויף דעם איז נישט שייך קיין בחירה חפשית, אויף דעם איז נאר שייך נסיונות.

דער פעטער ז״ל ברענגט אראפ אין דברי יואל (פ׳ בא) אפס בלתך גואלינו לימות המשיח, דער רמב״ן זאגט איבערזעצל ווי ס׳שטייט אפס איז טייטש אויסשליסליך ס׳קען נישט זיין אנדערש, אפס בלתך גואלינו לימות המשיח, וואס ס׳האט צוטון מיט די גאולה איז נאר דער איין איינציגער באשעפער וואס ער וועט אויסלייזן אידישע קינדער.

ממילא דאס וואס די משנאי ה׳ נשאו ראש, און האבן כופר געווען אין ביאת המשיח, דאס איז סאך א הארבערע זאך ווי אן עבירה פרטיות בין אדם למקום צו בין אדם לחבירו, דאס איז א כפירה אין עצם הנהגת העולם, וואס דער בוכ״ע פירט די וועלט, ער האט אונז פארשיקט אין גלות און ער וועט אונז אויסלייזן, און אויב טוט מען א זאך אין עניני הגאולה וואס האט צו טון כפירה אין מלכות שמים, און ווי דער פעטער ז״ל ברענגט אראפ אין ויואל משה אז ביי די בני אפרים זענען געווען אין מצרים און זיי זענען ארויסגעגאנגען מיט דרייסיג יאר פריער, שטייט (תהלים עח י) ובתורתו מאנו ללכת, אז זיי האבן נישט געוואלט גיין מיט די תורה. ווייל דאס איז א ענין פון א כפירה וואס האט צו טון מיט די גאולה.

ממילא יעדע זאך וואס האט צו טון מיט די גאולה, טאמער האבן זיי נצחונות איז טייטשט אז דער כח המינות ווערט נתגבר, מען טאר עס נישט משבח זיין, ווייל מען איז משבח די כוחות הכפירה, און מען איז מוסיף כח ואומץ פאר זייערע כוחות, דאס דארף זיין קלאר פאר אונז.

**אונז ווייס מיר נאכנישט וואס ס׳וועט זיין, נאר אויב ס׳וועט עפעס זיין דארף מען צו וויסן אז מען זאל זיי נישט משבח זיין מען זאל זיך האלטן קלאר, היינט איז שוין די גאנצע זאך קלאר לעינים אן קיין שום ספק, מען דארף צו וויסן אז העברת פי ה׳ היא לא תצלח, אין דעם קען נישט זיין קיין הצלחה.**

*

# נאר דער בוכ"ע קען דאס אפשטעלן

**בסעודת הודאה כ"א כסלו שנת תשס"ב לפ"ק**

קרית יואל יצ"ו

**די ווייטאג אויף יעדן איד וואס ווערט גע'הרג'ט צוליב די מדינה**

איך האב אמאל געהערט פון טאטן זאל זיין געזונט, האט ער נאכגעזאגט פון פעטער זכרונו לברכה אויף דעם ענין - ס'איז נעבעך געווען ווען אידישע קינדער זענען גע'הרג'ט געווארן - מ'זאגט ביי די תפלת נחם, **לבי לבי על חלליהם מעי מעי על חלליהם, כי אתה ה' באש הצתה ובאש אתה עתיד לבנותה**, וואס איז דער קשר מען באוויינט די חללי ישראל, לבי לבי מיין הארץ גייט אויס צוליב די וואס זענען אומגעקומען, מעי מעי על חלליהם, נעבעך די הרוגים וואס זענען נעבעך גע'הרג'ט געווארן, וואס איז דער קשר, 'כי' איז דאך א נתינת טעם.

האט ער געזאגט אזוי, יעדע אומה ולשון אויב זי איז משועבד אונטער א אנדער לאנד, און זי וויל זיך באפרייען, מ'וויל עס מאכן א באפרייאונגס קריג - ווי מ'רופט עס - מוז מען זיך גיין שלאגן, און אז מען מאכט א מלחמה ווייסט מען פון פריער אז דאס גייט קאסטן קרבנות, און מען זאגט 'ס'איז פארפאלן, א מלחמה קאסט נפשות', און אז מ'וויל ערלייכן דעם ציל האט מען נישט קיין אנדערע ברירה נאר מען מוז מקריב זיין קרבנות. דאס איז גוט ביי יעדע אומה ולשון פון די ע' אומות, וואס שלאגט זיך איינער מיטן צווייטן, און זיי ווילן אראפווארפן איין עול פונעם צווייטן.

אבער אידישע קינדער ווייסן אנדערש, אונז גלייב מיר באמונה שלימה אין ביאת המשיח, אונז גלייב מיר באמונה שלימה אז מפני חטאינו גלינו

מארצינו, מיר געגאנגען אין גלות - נישט ווייל מיר האבן נישט געהאט קיין גוטע ארמיי, און נישט וועגן מיר האבן נישט געהאט קיין גוטע גענערעלער, מ'האב מיר נישט געהאט קיין גוטע כלים מיט וואס צו שלאגן זיך - נאר וועגן איין טעם, ומפני חטאינו גלינו מארצינו, ליידער מען האט נישט צוגעהערט צו די דברי תוכחה פון די נביאים אין בית ראשון און פון די הייליגע תנאים בזמן בית שני, וועגן דעם איז געקומען דער חורבן, **און די ישועה פון כלל ישראל וועט זיין אן אומנאטירליכע שלא כדרך הטבע, און עס פעלט זיך צו דעם נישט אויס קיין שום קרבן נישט, גארנישט.**

**איז לבי לבי על חלליהם**, דאס הארץ בלוטיגט מיר פאר יעדן אומגעקומענעם, **מעי מעי על חלליהם**, ווייל **כי אתה ה' באש הצתה**, דו השי"ת האסט עס אונטערגעצינדן ווייל מיר האבן געזינדיגט, **ובאש אתה עתיד לבנותה**, ווען עס וועט זיין דער רצון פון בורא כל עולמים וועט עס דער אייבערשטער אויפבויען מיט א פייער בנוי ומשוכלל, און עס פעלט זיך נישט אויס צוצולייגן צו דעם קיין פינגער נישט, נאר מען זאל מרבה זיין בתשובה בתפלה ובתחנונים פארן בורא כל עולמים, ממילא איז דאך יעדע קרבן איבריג.

יעצט ווען עס טוט זיך א וועלטס איבערקערעניש, אין איין וואך איז ליידער געווען אזויפיהל גע'הרג'טע, מיט אזויפיהל צו'מזיק'טע, נעבעך אידן זענען זייער צובראכן און זייער צוקלאפט, דארף מען זיך אביסל אויפפרישן די כוחות אין די מוחות, מען דארף וויסן ס'איז א שווערע מצב, פון איין זייט שטייען דא רוצחים, אזעלכע ביטערע רוצחים, ה' ירחם. **און פון די אנדערע זייט, די וואס זענען פון די אנדערע זייט, שטייט א ממשלה מיט א מדינה מיוסד קעגן די תורה ולכל הקדוש לנו, מרשיעי ברית מחטיאי הרבים, און חז"ל זאגן אונז המחטיא את האדם קשה יותר**

מן ההורגו, ס׳איז סאך ערגער ווי דער וואס הרג׳עט א איד, מען האט שוין ליידער אין ארץ ישראל מעביר געווען על הדת הונדערטער טויזענטער אידישע נפשות, דארף מען זיך אין אזא צייט איינ׳חזר׳ן, איבער׳חזר׳ן די תורות, די הייליגע ווערטער וואס מיר האבן אמאל זוכה געווען צו הערן מפיו הקדוש, אז מען זאל וויסן אז ציונות איז אבי אבות הטומאה, **ציונות איז שולדיג אין אלע צרות פון כלל ישראל, ציונות האט אריינגעברענגט כלל ישראל אין די ביטערע צרה, פון קיין רשעים וועט קיין ישועה קיינמאל נישט זיין, מרשעים יצא רשע, נאר שלעכטס קען ארויסקומען פון דעם.**

מען קוקט זיך איהם, שוין מער ווי פופציג יאר און די רציחות ליידער ליידער ווערן נישט אויפגעהערט, מזמן לזמן איז דא א פויזע, זיי האבן שוין געהאט גרויסע נצחונות, אבער אן עק נעמט נישט צו די שפיכות דמים, ס׳דארף קלאר ארויסגעזאגט ווערן, ס׳איז שוין געווען אין די יארן מעגליכקייטן אפצושטילן די מהומות, ס׳זאל אויפגעהערט ווערן די שפיכות דמים, נאר די ציונים מצדם - ווען ס׳איז געווען א עת מוכשר - צוליב תאוות הנצחון און זייער גאות האבן זיי אפגעווארפן דער זמן ווען ס׳איז געווען מוכשר צו דעם אז מען זאל קענען עפעס קומען צו א טאלק, מאכן אן עק צו די שפיכות דמים, דאס התנחלות וואס מען גייט ארויס, ווי מען רופט עס אין די שטחים אין די אראבישע געגנט, דאס איז די גרעסטע הפקרות, דאס האט א חלק און אויפרייצן די רוצחים, מען דארף נישט געבן קיין תירוץ פארן רוצח, ס׳איז גענוג אז מען געבט איהם א רייץ אויף, און שוין איז דא געוואלדיגע תוצאות.

### השי״ת קען צוקלאפן די קליפה אן קיין שאדן פאר אידישע קינדער

און אזא צייט פרעגט מען וואס איז די עצה, איין עצה איז דא, אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים, נעמען דעם תהלים׳ל און זיך אויסוויינען

פארן בורא כל עולמים, ער זאל זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל, דער אייבערשטער איז א כל יכול, אונז דארף מיר איהם נישט געבן קיין פלענער, מיר זענען נישט אזוי קלוג, לו החכמה הכח והגבורה צו טוהן וואס ער וויל, אלעס באופן ס׳זאל נישט שאדן פאר קיין אידיש קינד, מען דארף נישט קיין עצות צו דעם, ווייל אונז גלייב מיר באמונה שלימה אין די הנהגה פון בורא כל עולמים.

אבער איין זאך קענען מיר יא זאגן וואס מיר זענען עדות צו דעם, ס׳איז געווען א קאמאניזום אויף דער וועלט, און די קאמאניזום איז געווען מיט אן אימה ופחד אויף צענדליגע מיליאנען מענטשן, ס׳האט באהערשט א גרויס חלק פון דער וועלט, און יעדער האט זיך פארגעשטעלט אז כדי דאס צו קלאפן אז די קליפה זאל בטל ווערן מן העולם, וועט אפקאסטן צענדליגע מיליאנען קרבנות, ס׳האט קיינער נישט אנדערש געקלערט, און ביזדערווייל האט מען געזעהן אז דאס איז צופאלן אזוי ווי א זייפן בלאז, מען האט געזעהן אז ווען פון הימל האט מען געזאגט געגוג!, איז געווען געגוג!, ס׳האט נישט געקאסט קיין אידישע נפשות, און בכלל ס׳איז געווען מנוחה, דער איבערשטער האט א כח, און אונז וועל מיר איהם נישט געבן קיין עצות, ווייל ער ווייסט וויאזוי די זאך דארף געטוהן ווערן, אזוי אז ס׳זאל נעמען אן עק און ס׳זאל נישט שאדן פאר אידישע קינדער.

## לערנען די ספרים פון דביה״ק זי״ע

על כל פנים און אזא זמן ווען מען ווערט אביסל מעורבב, די מוחות ווערן מטושטש, איז א זמן מען זאל אפירנעמען די הייליגע ספרים און אביסל ארייקוקן לערנען, זיך אביסל אויפפרישן אביסל מעורר זיין, מען זאל נישט נשפע ווערן נישט פון די גוי׳אישע גאס, און נישט פון די איד׳ישע גאס.

# אין כוחינו אלא בפה - מתפלל זיין

**אצל כינוס כללי לאנ"ש חוהמ"פ שנת תשס"ב לפ"ק**

וויליאמסבורג יצ"ו

## נאר דער הייליגער באשעפער קען העלפן אין דעם מצב

מ׳טראכט היינט  אריין אין די מצב אויף די וועלט, דער מצב אין ארץ ישראל, ס׳איז נורא ואיום, ס׳איז נישטא קיין ווערטער אין מויל, נישטא גענוג ווערטער אראפצולייגן וואס אחינו בני ישראל מאכן מיט טאג נאך טאג, שמועות נוראות ומבהילות ונמס כל לב, יעדעס אידישע הארץ צוגייט וואס מ׳הערט נעבעך יעדן טאג, אין לך יום וואס האט נעבעך נישט זיין פגיעה, דאס וואס האט פאסירט די לעצטע חודש צוויי באופן נורא ומבהיל, המקום ירחם עליהם.

מ׳דארף מתפלל זיין פאר אחינו בני ישראל יושבי ארצינו הקדושה, ס׳זאל זיין ימין ה׳ רוממה, דער אייבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט אויף אידישע קינדער, ער זאל זיי מציל זיין מכל צרה וצוקה, מען זאל ניצול ווערן פון יעדע נזק, ס׳זאל נישט זיין קיין שום צער ונזק פאר קיין שום איד נישט.

דער פעטער ז"ל אין די חידושי תורה וישלח תשי"ז - ס׳איז געווען דעמאלטס א מצב אזוי ווי יעצט, זייער א אנגעצויגענע מצב, און א פחדים׳דיגע מצב - האט ער געזאגט דעמאלטס שלש סעודות תורה, האט ער נאכגעזאגט א גמרא אין חגיגה דף ה׳, **רבי יוחנן כי מטי להאי קרא בכי**, רבי יוחנן ווען ער איז אנגעקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט, **והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות** (דברים לא כא), **אמר רב**, האט רב געזאגט, וואס הייסט עס רעות וצרות, **רעות שנעשות צרות זו**

לזו, איינס שלאגט זיך מיטן אנדערן, כגון זיבורא ועקרבא, איז רש״י מסביר, פאר איינעם איז די רפואה הייס, און פאר איינעם איז די רפואה קאלט, און אויף דעם וואס די רפואה איז הייס שאדט קאלט, און אויף דעם וואס די רפואה איז קאלט איז א סכנה הייס, און אז ס׳קומט זיך צוזאם די צוויי זאכן איז וואס זאל מען געבן, זאל מען געבן הייס שאדט עס פארדעם, זאל מען געבן קאלט שאדט עס פארדעם, דאס איז רעות וצרות.

זאגט ער דארט - ער איז זיך שטארק מתאונן אויפן מצב, ער זאגט אזוי, ס׳איז א געוואלדיגע סכנה אין ארץ ישראל, זאלן חלילה מנצח זיין די אומות העולם לאזט זיך נישט זאגן אין וואספארא סכנה ס׳געפינט זיך דארט כלל ישראל, ווייל זיי זענען באמת רוצחים גמורים, זאלן מנצח זיין די כופרים ח״ו, דעמאלטס וועלן די נסיונות גרעסער ווערן, ס׳וועט נתרומם ווערן די כח פון מינות, און גדול המחטיא את האדם יותר מן ההורגו, איז זייער א ביטערע מצב.

זאגט ער אזוי, ס׳איז דא איין עצה אין אזא מצב, וואס איז די עצה, מתפלל זיין פאר ביאת המשיח, בין תנור לכירים זיך אויסוויינען פאר הייליגן באשעפער ער זאל אריינשיינען אמונה אין אידישע הערצער, און דער בורא כל עולמים איז א כל יכול, ולה׳ הישועה, אונז דארפן מיר נישט געבן קיין עצות פארן הייליגן באשעפער, ער איז א כל יכול, דאס האט ער דעמאלטס געזאגט.

און די ווערטער וועלן מיר יעצט אויך זאגן, מ׳דארף הייסע תפלות ותחנונים מתפלל צו זיין פארן בעל הרחמים, ער זאל זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל, אבינו מלכינו חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו, מ׳דארף וויסן ס׳געפינט זיך אין ארץ ישראל אלפים ורבבות שומרי תורה ומצות,

וואס זיי זיצן אין א געוואלדיגע סכנה, מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה, א אימה און א פחד, מ׳האט מורא ארויסצוגיין אין די גאס, ס׳איז אזא מצב שוין יארן לאנג נישט געווען אין ארץ ישראל, וואס קען מען זאגן אין אזא צייט, אנא ה׳ הושיעה נא, דער איין איינציגער באשעפער זאל העלפן אידישע קינדער, אין כוחינו אלא בפה, מ׳זאל מרבה זיין בתפלה ותחנונים פאר אחינו בני ישראל אין ארץ הקודש.

*

# ווי אזוי רעדט מען נייעס

**יום ג׳ פרשת וארא שנת תשס״ט לפ״ק**

במסיבה לטובת המתיבתא קרית יואל - בוויליאמסבורג יצ״ו

## אכטונג געבן אויפן דיבור וואס איז מעיקרי האמונה

ס׳איז יעצט געווען א איבערקערעניש אין די וועלט, אין ארצינו הקדושה איז געווען א שטיקל מלחמה מיט די שכנים, ס׳איז אזוי בשעת המלחמה איז שווער צו רעדן, ס׳איז האקעלע ענינים.

איך וויל נאכזאגן וואס ס׳שטייט אין ספה״ק על הגאולה ועל התמורה (סי׳ ע״א) און ער זאגט קורצע ווערטער וואס יעדער איינער ברויך עס געדענקן, ער זאגט אז אין אזא זמן, **יבדק פנימיות לבו**, זאל ער זיך בודק זיין דעם פנימיות הלב, **וישגיח על דיבורו**, און ער זאל אכטונג געבן אויפן דיבור וואס ער רעדט, **כי בדיבורים האלה**, מיט די דיבורים וואס מען רעדט, **תלויים עיקרי האמונה**, איז תלוי די עיקרי האמונה, **ויש אובד עולמו בשעה אחת ובדיבור קל**, מיט איין שעה מיט א דיבור קל קען מען פארלירן וואס מען האט אפגעארבעט עבדות ה׳ תורה ומצות, אלעס קען גיין לטמיון, ווען מען רעדט א זאך שלא כהוגן.

ממילא קומט אויס אזוי, ווען מען קייט איבער די נייעס, זאל מען וויסן אז מען דארף זייער אכטונג געבן יעדעס ווארט וואס מען רעדט, מען לייגט אריין פירושים און עמקות און טעם, מען צולייגט עס אויף קליין געלט און אויף גרויס געלט, ס׳איז זייער האקעלע ענינים, און יעדעס ווארט וואס מען זאגט אין די ענינים, אויב מען גייט אביסל ארויס פון די ליניע קען מען חלילה פארלירןביידע עולמות, ווי ער זאגט יש אובד עולמו, ער רעדט פון איין עולם, איך האב מורא מען קען פארלירן ביידע וועלטן!.

ס׳איז היינט געווארן - נישט קיין ראדיא - א טעלעפאן פאר נייעס, מען לייגט אראפ די נייעס בכל פרטיה ודקדוקיה, און מען גייט אריין מיט א התלהבות, אזוי ווי די טבע איז מען מוז דאך אויפשפילן די געפילן. מורי ורבותי, ס׳איז שוין אביסל צופיל, ס׳איז אביסעלע איבער די מאס, נישט אביסעלע, נאר היפש היפש איבער די מאס, יעדער זאגט דאס איבער און יעדער איז א מבין, יעדער לייגט נאך צו מדיליה א נופך, **מען רעדט דיבורים שלא כהוגן, מורי ורבותי!, מען רעדט דיבורים שלא כהוגן!, ס׳איז א בושה צו זאגן, א סאטמארע חסיד זאל רעדן אזעלכע ווערטער וואס מען הערט.**

## מפני חטאינו גלינו מארצינו

מען דארף איין זאך וויסן, און פון דעם טאר מען נישט מסיח דעת זיין, און דאס איז דער עיקר, עצם הקמת המדינה איז א מרידה אין די אמונה פון הנהגת העולם דורכן הייליגן באשעפער, מען דארף צו וויסן דער אייבערשטער האט אונז פארטריבן אין גלות, ומפני חטאינו גלינו מארצינו, און נישט ווייל מען האט נישט געהאט קיין גוטע גענערעלער און קיין גוטע כלי מלחמה, נישט פאר דעם, נאר פאר דעם איינעם טעם, ומפני חטאינו גלינו מארצינו, בשעת החורבן זענען נאך געווען אזעלכע

**פעהיגע און גוטע סטראטעגיסטן צו געבן עצות, אבער מפני חטאינו גלינו מארצינו.**

די גאולה ארויסצוגיין פון דעם ביטערן גלות וועט זיין נאר דורכן הייליגן באשעפער, דער אייבערשטער האט מבטיח געווען ער וועט ארויסנעמען אידן פון גלות, און אוודאי און אוודאי וועט ער מקיים זיין זיין הבטחה, יעדע פעולת בשר ודם פון ארויסצוגיין פון גלות וכדומה איז א עון פלילי שאין דוגמתו, און כלל ישראל איז אנגעזאגט געווארן אויף דעם באזהרה חמורה און מיט עונשים מרובים ר״ל.

## חלילה זיך פרייען מיט זייער שמחה

וועגן דעם כל מי שעמדו רגליו על הר סיני דארף צו וויסן אז מען דארף זיך פון דעם ענין אפשיידן, וויסן איך האב מיט דעם נישט שייכות און דאס האט נישט קיין שייכות מיט מיר, התבדלות גמורה, נישט זיך צו פרייען מיט זייער שמחה צו מיט זייער׳ס א נצחון, און נישט באקומען קיין שום התלהבות און קיין שום התפעלות, נאר וויסן קלאר אז די **מדינה איז א מורא׳דיגע אומגליק פאר כלל ישראל, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.**

## די רציחה פון די ציונים

אמת דער אנדערע צד, דאס הייסט דער אראבער, זענען רוצחים אכזריים, אמת. אבער זיי זענען רוצחי הגוף. **און די זענען רוצחי נפשות**, און המחטיא את האדם קשה יותר מן ההורגו, **די זענען פיל ארגער.**

דער פעטער ז״ל האט געזאגט, בשעתו איז דאך אויך געווען אזעלכע אנגעצויגענע זמנים, האט ער דעמאלטס געזאגט, אויב חלילה וועלן די אראבער מנצח זיין, איז א סכנה גדולה בגוף, און אויב די ציונים וועלן מנצח זיין איז א סכנה גדולה בנפש. האט ער דעמאלטס געזאגט ס׳איז

נישטא קיין שום עצה אויף דעם, נאר צו בעטן דעם הייליגן באשעפער, דער אייבערשטער איז א כל יכול, ער זאל מציל זיין כלל ישראל, מבטל זיין די מדינה מיט רחמים וחסדים, ס'זאל נישט שאטן פאר קיין שום איד נישט.

ווי אזוי דאס זאל פאסירן, השי"ת איז א כל יכול, ער איז א בעל יכולת אומגעצוימט, לו הכח והגבורה צו ווייזן זאכן וואס א בשר ודם קען דאס נישט פארשטיין, און קען זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי אזעלכע זאכן וועלן פאסירן, היפלא מה' דבר.

אונז האף מיר יעדן טאג און יעדע שעה פון טאג ס'זאל מקוים ווערן דער וכל הרשעה כולה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, ותגלה ותראה מלכותו עלינו בעגלא ובזמן קריב.

*

# נקמה נאר דורך השי"ת אליין

**אצל שיעור תהלים יום ה' פרשת תולדות שנת תשע"ה לפ"ק**

בהיכל המתיבתא קרית יואל יצ"ו

## דער ביטערער אומגליק

ירמיהו הנביא איז מקונן (ירמיה ח כג) **מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי**, די הערצער פון כלל ישראל און פון די גאנצע וועלט איז צובראכן אויף שברי שברים, מיר האבן אלע געהערט די שמועה לא טובה מעיר הקודש ירושלים.

קול נהי נשמע מציון, א קול פון א געוויין און א קלאג הערט מען פון ארץ ישראל, כי עלה מות בחלונינו בא בארמנותינו, אין פלטרין של מלך,

בתי כנסיות ובתי ומדרשות זענען א מקדש מעט, ישראל קדושים קומען זיך צוזאם, מ׳שטייט אויף אינדערפרי צו עבודת ה׳, עבודה זו תפלה, האט פאסירט אזא ביטערער אומגליק, בעמדם לפני ה׳ ווען מ׳שטייט ביים דאווענען, מ׳שטייט לפני ה׳ מעוטר בטלית ובתפילין, א איד דאווענט פאר׳ן הייליגן באשעפער, ער איז אנגעטון מיט די הייליגע מצוה פון ציצית און מיט די הייליגע מצוה פון תפילין, ער איז עוסק במצוה, ער דאוונט פארן הייליגן באשעפער, פאסירט אזא ביטערע אומגליק, מ׳ווערט באפאלן פון רוצחים אכזרים, און זיי ווערן נעבעך גע׳הרג׳ט מיט א מורא׳דיגע אכזריות, ס׳זענען גע׳הרג׳ט געווארן פיר אידישע נפשות, תמימי לב יראי ה׳ לומדי תורה מקיימי מצות ה׳, עכטע בני תורה, וואס זענען נעבעך די הרוגים, ה׳ ינקום דמים, חוץ פון די וואס זענען ניזוק געווארן באופן קשה מאד, עטליכע אידן זענען זקוק לרחמי שמים, דער אייבערשטער זאל העלפן און שיקן א רפואה שלימה.

דער נביא איז מקונן, **מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה**, מ׳באוויינט בייטאג און ביינאכט, **את חללי בת עמי, בני ציון היקרים המסולאים בפז**, די וואס האבן מקיים געווען דאס וואס שטייט אין פסוק והגית בו יומם ולילה, אויף זיי זאגט ירמיה הנביא ואבכה יומ״ם וליל״ה, אויף אזעלכע אידן וואס זענען מקיים והגית בו ימים ולילה, דארף מען וויינען יומם ולילה.

שבר על שבר יחדיו ידבקון, צרות אחרונות משכחות הראשונות, שוין חדשים און וואכן, אסאך וואכן, וואסליידער לדאבון כל בית ישראל ווערן נעבעך גע׳הרג׳ט נפשות נקיות טהורות אנשים ונשים וטף, ה׳ ירחם, ה׳ ינקום דמם!.

כלל ישראל אין די גאנצע וועלט וויינט און איז מתאבל אויף די קרבנות נעבעך, הקב״ה די שכינה הקדושה וויינט מיט מיט כלל ישראל, כלל ישראל ישראל שרייט אויס: **ארץ ארץ אל תכסי דמם עד ירא וישקיף ה׳ מן השמים וינקום דם עבדיו השפוך!.**

**נקמה נאר דורך השי״ת**

מ׳זאגט אין די הייליגע טעג, אבינו מלכנו נקום לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך, דאס איז געזאגט אויף די הרוגים אויך, ׳השם׳ ינקום דמם, נקמה אויף אידיש בלוט וואס איז פארגאסן געווארן, דאס קען נישט און איז נישט מעגליך נוקם צו זיין, נאר דער הייליגע בורא וואס ער איז אין סוף, ער איז בכח נקמה צו נעמען פאר אידיש בלוט, פאר די הרוגים און פאר די אלע הרוגים וואס זענען גע׳הרג׳ט געווארן אינעם לאנגען ביטערן גלות דורך די אלע אומות רוצחים וואס האבן גע׳הרג׳ט אידישע קינדער במשך פונעם לאנגן גלות, השי״ת האט מבטיח געווען ׳כי דם עבדיו יקום ונקם ישוב לצריו׳, אידישע קינדער מאמינים בני מאמינים, אונז האב מיר אמונה שלימה אז דער הייליגע באשעפער וועט מקיים זיין אלע הבטחות, סיי וואס ער האט מבטיח געווען אויסצולייזן אידישע קינדער פונעם ביטערן גלות, און סיי וואס ער האט מבטיח געווען נוקם צו זיין נקמת בני ישראל.

חלילה צו טראכטן אז ס׳איז מעגליך פאר א בשר ודם צו טון א פעולה אין עניני נקמה, די מקור פון דעם טעות שטאמט פונעם רעיון הציוני, צו נעמען גורל כלל ישראל אין די אייגענע האנט, אין די האנט פון א בשר ודם, דאס איז נוגע עניני גאולה.

**די פאסירונגען פון די לעצטע חדשים זענען א באווייז אויף דעם, אז נקמה פון א בשר ודם איז גורם צוריק א נקמה, און די קרבנות זענען די**

**תוצאות און די פירות פון נקמות פון בשר ודם, גייט עס אזוי חבורה תחת חבורה, נפש תחת נפש, ליידער!.**

## בשל מי הרעה הזאת

דער זמן איז גורם מען זאל אביסל אריינטראכטן אן ערנסטע מחשבה, בשל מי הרעה הזאת, וואס האט גורם געווען די ביטערע אומגליקן, מי יעלה לנו השמימה מודיע צו זיין די חטאים עוונות ופשעים, קיין שום זאך איז נישט קיין מקרה, אלעס ווערט געפירט פון אויבן, אבער אז מ׳קוקט אביסל מיטן פליישיגן אויג, פארשטייט יעדער איינער, יעדער בר דעת, אז דער ענין פון התגרות באומות האט דאס גורם געווען.

די חיות טורפות, די אכזריות׳דיגע רוצחים, זיי דארפן נישט האבן קיין תירוץ אויף רציחה, אבער אז מ׳טוט זיי נאך אויפרייצן, מ׳טוט אלע מיני פעולות זיי זאלן צורייצט ווערן, זעט מען עין בעין די פירות וואס קומט ארויס פון דעם, רחמנא ליצלן!.

דאס וואס לעצטנס גייט מען ארויף אויפן הר הבית מיט א תירוץ צו דאווענען און מתפלל צו זיין, ממה נפשך, פארשטייט מען אז דאס איז במקום המקדש, פארשטייט דאך יעדער איינער אז ס׳איז א איסור כרת פאר א טמא אריינצוגיין אויף דעם מקום, וויל מען קומען מיט אן אויסרייד אז ס׳איז נישט מקום המקדש ממש, איז אויב אזוי וואס איז די צו גיין אהין?, איז דען נישט דא פלעצער אין ירושלים וואו מ׳קען זען דעם מקום המקדש, נאנט צום מקום המקדש, וואו מ׳קען דאווענען אומגעשטערט און קיינעם נישט אויפרייצן.

יעדער איינער ווייסט און פארשטייט וואס ס׳איז די ענין פון גיין אהין, דאס איז מיטן איינציגן ציל צו ווייזן פאר זיי ׳מיר זענען די בעלי בתים דא!, און מיר זענען די מושלים דא!, און קיינער וועט אונז נישט

איינטיילן וואו אונז זאל מיר יא דאווענען און וואו מיר זאלן נישט דאווענען !׳.

דאס איז די זעלבע תאוה פון די מתנחלים, צו ווייזן פאר יעדן איינעם, מיר קענען וואוינען איבעראל, ווייל מיר זענען די בעלי בתים דא אין דעם לאנד, און דאס איז די שורש פורה ראש ולענה צו אלע צרות און הריגות.

הערשט נישט לאנג צוריק האבן די ראשי השלטון געמאלדן, אז מ׳גייט בויען נאך הייזער פאר אידן אין די מזרח זייט פון ירושלים, צווישן די אראבער, אין די אראבישע געגנטער אין די אראבישע שכונות, אלעס כדי צו ווייזן ׳מיר זענען דא די בעלי בתים !׳, **און דאס רייצט אויף די רוצחים ! און ס׳פאסירט ליידער וואס ס׳האט פאסירט !.**

ס׳איז נאך דא מופקרים וואס זאגן בפה מלא, אז זענען גרייט אויפצובויען דאס בית המקדש, יעדער איינער פארשטייט וואס ס׳מיינט אז מ׳זאגט אזעלכע דיבורים, וואס פאר א פייער דאס צינדט אן, דער יצר פון שפיכות דמים פלאקערט דאס אויף באופן נורא. יעדער בר דעת פארשטייט אז דאס איז א געוואלדיגע הסתה און התגרות באומות, און דאס זענען ליידער די תוצאות און די פירות פון דעם.

**מי יתן, וואלטן אלע ראשי בני ישראל און אלע מנהיגים ארויסגעגאנגען מיט א קול גדול אויף די מתנחלים - און אויף די אלע וואס גייען אין זייערע דרכים, און אויף די אלע וואס זענען נשפע פון זיי - מיט א גרויסע געשריי: עטץ זענען שולדיג אין אלע צרות אין אלע הריגות! און עטץ טראגטס דעם אחריות פאר אלעמען !.**

ס׳דא א ווארט פון פעטער ז״ל אין דברי יואל פרשת וישלח (עמוד קנה), ער זאגט, יעקב איז געווען געגוג שטארק אז ער זאל זיך קענען אן עצה געבן מיט עשו הרשע, מיט זיינע מחנות, נאר יעקב האט געוואלט ווייזן א

וועג פאר זיינע קינדער און פאר אלע דורות ביז משיח וועט קומען, אז מ׳טאר זיך נישט רייצן מיט די גוים מיט די אומות קודם ביאת המשיח. און דאס האט יעקב געזאגט, עם לבן גרתי, לא נעשיתי שר וחשוב, כ׳האב מיר נישט גערייצט מיט לבן כ׳האב מקבל געווען דעם עול הגלות.

און דאס קען זיין **בזמן שקול קול יעקב**, ווען דער קול פון אידן איז דער קול יעקב, ׳עם לבן גרתי לא נעשיתי שר וחשוב׳, איך רייץ מיך נישט מיט די גוים, מ׳איז מקבל דעם עול הגלות ווילאנג דער אייבערשטער הייסט זיצן אין גלות, און מ׳גייט אין די דרכים פון יעקב אבינו, דעמאלטס איז דא די הבטחה, אין הידים ידי עשו, ס׳זענען נישט שולט די ידי עשו. **אבער חלילה אז מ׳איז עובר אויף דעם און מ׳איז זיך יא מתגרה באומות, דארף מען נישט ארויסזאגן מיטן מויל וואס ס׳איז דעמאלטס, השם ירחם.**

## בשל מי הרעה הזאת

אונז זאג מיר תשעה באב אין די תפלה פון נחם, **לבי לבי על חלליהם**, מ׳דארף צו פארשטיין דעם דאפלטן לשון ׳לבי לבי׳ על חלליהם.

קען זיין אזוי, איינמאל מיינט מען ׳לבי׳, מיין הארץ איז צעבראכן, מיין הארץ איז פארוויטאגט, מיין הארץ וויינט על חלליהם, אויף די חללי בית ישראל נעבעך, דאס צווייטע איז, מיין הארץ איז פארווייטאגט און מלא טענות אויף די וואס האבן גורם געווען, זיי האבן צוגעשפילט, און זיי האבן געטון פעולות וואס זאל ברענגן די ביטערע אומגליקן.

מ׳דארף ארויסקומען מיט א גרויסע קול מחאה קעגן די וואס פירן אן מיטן בויען אידישע ישובים אין מזרח ירושלים וכדומה, אדער דאס גלייכן אין די אראבישע געגנטן. מ׳זאל וויסן מיט דעם רייצט מען אויף די רוצחים, והא ראיה, די רוצחים קומען פון דארט, דאס ברענגט די ביטערע רציחות די ביטערע אומגליקן, ה׳ ירחם.

לעת כזאת זענען מיר אלע מתפלל, אלע אידן פון די גאנצע וועלט זענען מתפלל צום הייליגן באשעפער, שומר ישראל שמור שארית ישראל, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן אלע אידישע קינדער, הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל, דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע אידישע קינדער אין די גאנצע וועלט, די חיות הטרף זענען מצוי אין אלע מדינות העולם, שה פזורה ישראל איז אויך אין די גאנצע וועלט, אין אלע מדינות געפינען זיך אחינו בני ישראל, און מ׳דארף האבן רחמי שמים מרובים אין די גאנצע וועלט, און א שמירה יתירה, זיי ברענגן אריין אידישע קינדער **אין א סכנה נישט נאר אין ארץ ישראל, נאר אין די גאנצע וועלט, ה׳ ירחם על כל בני ישראל בכל מקום שהם ויצילם מכל צרה וצוקה.**

מריחוק מקום שיק מיר אונז א כוס תנחומין פאר די צובראכענע אבלים, די משפחות זייערע, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, און מיר זענען מתפלל פאר א רפואה שלימה פון די אנדערע אידישע קינדער נעבעך וואס זענען אין א שווערע מצב, דער אייבערשטער זאל זיי העלפן אז זיי זאלן האבן א רפואה שלימה וגמורה בקרוב. זאל דער אייבערשטער העלפן, לא ישמע עוד שוד ושבר בבתי ישראל, און מיר זאלן אלע זוכה זיין אנטקעגן צו גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# מתוך דברות קודש ס"ג פרשת פינחס שנת תשע"א לפ"ק

בביהמ"ד הגדול קרית יואל יצ"ו

## קוקן רציחה ברענגט ח"ו רציחה

אין פ' נצבים איז די תוה"ק מזהיר מיט אַ שטרענגע אזהרה וועגן עבודה זרה, **פן יש בכם שורש פורה ראש ולענה, והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך וגו'**, לכאורה דאָס גאַנצע ענין פון עבודה זרה איז נישט צו פאַרשטיין, ווי איז דאָס מעגליך אַז אַ איד מזרע אברהם יצחק ויעקב וואָס עמדו רגליו על הר סיני און ער האָט געהערט אנכי ולא יהיה לך, ווי איז דאָס אַ מציאות אַז אַ איד זאָל אָנקומען צו אַזאַ האַרבע עבירה ווי עבודה זרה.

נאָר די תורה אַליין זאָגט דעם תירוץ, מען האָט זיך אַרומגעדרייט אין מצרים ערות הארץ, ותראו את שיקוציהם, מען האָט זיך אָנגעקוקט און אָנגעזען מיט ראיות אסורות, דאָס ברענגט נאָכדעם אַז למחר אומר לא ידעתי את ה', דאָס ברענגט אַזעלכע האַרבע עבירות. והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי, ער טראַכט מיר וועט דאָס נישט שאָטן, ער וועט זיך אומקוקן דאָ און דאָרט ווי מען טאָר נישט, כי בשרירות לבי אלך, נאָכצוגעבן די תאות מיט אַ ראיה אחר ראיה, **דער בוכ"ע האָט אָבער געוואוסט וואָס דאָס גייט ברענגען אַז מען קוקט זיך ליידער אָן ווי מען טאָר נישט.**

**אַז מען קוקט אויף די טמא'נע כלי און מען זעט זיך אָן מיט די שפיכות דמים וואָס טוט זיך אין די גוי'אישע מדינה ממש יעדן טאָג איז דאָ רציחה, אַ מדינה פול מיט זוהמא, אַז מען קוקט דאָס איין טאָג און נאָך אַ טאָג, ווערט אָפּגעקילט יעדע רגש יהודי.**

מען דאַרף זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון דעם, ס׳איז נישט מעגליך נאָר דאָס, ס׳איז נישט אין איין טאָג, אָבער מיט די צייט נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג אַז מען קוק זיך צו און מען זעט זיך אָן מיט שפיכות דמים ווערט דאָס אַזוי, ביז מען קומט ל״ע אָן, כשהן יורדין עד לעפר, און ס׳איז נאָך נידריגער ווי עפר.

והחי יתן אל לבו וואָס ס׳מיינט די טמא׳נע כלים, וועלכע?, וועלכע נישט!, אַלע טמא׳נע כלים!, ס׳איז מטמא די אויגן ס׳איז מטמא די הארץ און ס׳רייסט אַרויס יעדע פונק איד, דאָס פּינטעלע איד, דאָס מדת רחמנות פון אַ איד, און ס׳ברענגט אַריין דאָס גאַנצע גוי׳אישקייט, די גאַנצע אכזריות פונעם גוי, ממש מען ווערט נהפך פאַר אַ גוי ר״ל.

בעזרת השם יתברך

# ספר
# גואל ישראל

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## אצל כינוס כללי
### יום א' פרשת שלח
### כ' סיון תשע"ח לפ"ק

יו"ל ע"י
ועד להוצאת ספרי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
תשרי שנת תשפ"ד לפ"ק פק"ק קרית יואל יצ"ו

# תוכן הקונטרס

## י"ג פרקי אמונה


פתיחה ........ א
**א.** רעיון הציונות ........ ד
**ב.** הקמת המדינה ........ ח
**ג.** גזירת הגלות והבטחת הגאולה ........ יא
**ד.** עיקרי האמונה ........ טו
**ה.** מצות אבד תאבדון ........ כ
**ו.** השתדלות לגאולה העתידה ........ כב
**ז.** השבעתי אתכם ........ כד
**ח.** האומה הישראלית ........ כט
**ט.** עיכוב הגאולה ........ לג
**י.** תכלית שנאה שנאתים ........ לו
**יא.** ירושלים: ירא ושלם ........ לט
**יב.** התבדלות במחשבה ובדיבור ........ מא
**יג.** מלחמה לה' בעמלק ........ מג
אחרית דבר ........ מד


## ילקוט דברות קודש


ציונות מהו (דרשה עש"ק ויקרא תשע"ד) ........ נ
שלימות הארץ (דרשה ה' משפטים תשנ"ז) ........ נו
האיסור לשבח את הציונים (דרשה א' בא תשנ"א) ........ סט
מפני חטאינו גלינו מארצינו (דב"ק פורים תשע"ה) ........ עא

בס"ד

# ודברך אמת וקיים לעד

ישמח לב מבקשי ה', בצאת לאורה זאת התורה אשר אנו נותנים לפניכם היום ברכה, תוכן דברות קודש, קול ה' בכח קול ה' בהדר קול ה' שובר ארזים, מאשר זכינו לשמוע מפ"ק של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל רבבות אלפי ישראל, במעמד קידוש שם שמים ברבים **כינוס כללי** לתלמידי וחסידי סאטמאר לחזור ולשנן משנתו הבהירה של מרן רביה"ק זי"ע, שהתקיים ביום א' לסדר ועתה יגדל נא כח ה' כאשר דברת לאמר (שלח) כ' סיון שנת תשע"ח לפ"ק.

במעמד קדוש כזה זכו המוני ישראל לקיים את דברי **האור החיים הק'** על הפסוק (ויקרא כ כב) **ושמרתם את כל חקתי ואת כל משפטי**, וז"ל: נתכוין לומר שצריכין לשמור המצות לבל יתבטלו בין מהם בין מזולתם ובזה לא תקיא הארץ, הא למדת שאם לא יהיו נשמרים המצות תקיא הארץ גם השומרים על שלא מיחו בשלא שמרו, עיי"ש, הובא בספה"ק **ויואל משה** (מאמר ישוב א"י עמוד שנ). ולכן ההכרזה הגדולה כי ה' הוא האלקים ואנו מאמינים כי אפס בלתך גואלינו, ומוחים באלו שלקחו גאולה לפני הזמן בכחה לעורר שמירה עליונה.

הנה ארץ רעשה ונתגעשה פור התפוררה ארץ ועמודי עולם ירגזון, זה שבעים שנה שארץ נמכרה ביד רעים, ובידם ותחת רשותם נתונים אלפי רבבות אחבנ"י היראים, וצרה כמבכירה, שתהא עדת ה' בידי מופקרים מסורה, והמה נתונים בסכנה תמידית מכל צד, מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה, על עמך ירימו סוד ויתיעצו על צפוניך, ואין לך יום שאין קללתה מרובה מחבירו, והאחרון הכביד בחילול הקודש והמקדש על ידי המושלים העריצים, שמצד אחד עומדים ומתגרים באומות העולם באופן נורא ואיום, ומצד השני לדאבון לב כל יראי ה' מעשה שטן הצליח שנחלו הצלחות שונות אשר לא שערום מעולם, הן

במעמדם קבל עם ועולם, והן בגאותם וחוצפתם, בחנו את האלקים וימלטו, ובא השטן ובלבל את העולם, ואם אין דעת הבדלה מנין, ונתעלמו הלכות פשוטות, נשברו חומות בצורות, התפעלות מאומץ לבם, ורבים וגם שלימים נכשלו גם להרבות בשבח עצם רעיון הציוני, וירדה עשרה קבים של בלבול ושיכרות, ואחריהם באים הלבלרים הדתיים וכותבים מאמרים מלאים הבלים, גם לערי מדינות חוץ לארץ אחזה המחלה המדובקת, והצעירים שותים בצמא את דבריהם, ובד בבד מאבידים כל זיק של תורת ההתבדלות מרעיון הציונית שהורו לנו רבותינו, והאבות שותקים שומעים חרפתם ולא משיבים, ואין פוצה פה ומצפצף, כי חסרה בהירות המחשבה, והמשכיל בעת ההיא ידום.

ובתוך הערפל והחושך המכופל התייצב כ"ק רבינו שליט"א וחרב הוציא מתערה ועמד להוכיח בשער והשמיע דברים קלורין לעינים, ובלהב אש קודש אור היקוד הם יוקדים חזר רבינו שליט"א דבר דיבור על אופנו משנת דודו אביר הרועים מרן רביה"ק זי"ע, אשר בדור האחרון משמיא קא נחית להנחיל לעם ה' משנה ברורה תורת כל הצדיקים וגדולים הקודמים נגד כת הציונות אשר קמה על ישראל, ומדרך הזה לא נזוע, וכפי שהתבטא כ"ק מרן רבינו שליט"א כמה פעמים בדרשותיו בדברי הכנה לפני הכינוס, כי לא בא לעשות חדשות בארץ, רק לחזור על הישנות תורת אמת לנו ולבנינו ולדורתינו, כי דבריו הקדושים נר לרגלינו ואור לנתיבתינו עד כי יבא ינון, והיא לנו לעמוד ענן יומם ולעמוד אש לילה להאיר את הדרך בחשכות הלילה להתחזק בחשכת הגלות בכל הנסיונות. ושלא לבא לידי מכשול במצוה אשר נאמר באותו פרשה שנתאספו בה, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, וכפי שדרשו חז"ל (ברכות יב:) אחרי לבבכם זה מינות, אשר בא על ידי פגם במראה עין בראות הצלחת הרשעים, ולדעת כי אין להתפעל מהם ומהמונם ח"ו, רק לשמור על טהרת העין הלב והמוח, ולעמוד איתן כחומה בצורה בל יבא המשחית לתוך בתינו, ולעד לא ישכח רישומא דקדושה, אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה.

והיות כי דרשה זו טובא גנוז בגוייהו, והלכות גדולות נשנו בה יסודות האמונה ודעת תורה אשר כחם יפה מיד ולדורות, וכבר יצא טבעה בעולם, רבים אומרים מי יראינו טוב לסדר הדברים על מכונו, ולהדפיסם למשמרת, בל תהי האמת נעדרת, למען ישארו הדברים חקוקים על לב תמיד, ונכתב בספר, על כן אמרנו בל תמנע טוב לזכות את הרבים הצמאים, ולהאיר עינים, למען נדע את הדרך אשר נלך בה ואת המעשה אשר יעשון.

באשר שמענו מפי כ"ק רבינו שליט"א לאחר הכינוס, כי למען האמת הדברים דורשים אריכות יותר, רק מחמת טירחא דציבורא היה מקצר ועולה ולא הספיק הזמן להרחיב כחפץ לבבו הטהור, על כן לא נמנענו מלציין בשולי הגליון הרחבת הדברים מפי ספרים וסופרים ומתורת רבותינו הקדושים, למען תהיה היריעה אחת.

על פי הוראת כ"ק מרן רבינו שליט"א נקרא הקונטרס הזה בשם **גואל ישראל**, כי בו מבואר עיקרי הדת ויסודות האמונה אשר עלינו לחזור ולשנן לנו ולבנינו אחרינו, כי גזירת הגלות וגאולה העתידה הוא אך ורק על ידי הקב"ה מלך ישראל וגואלו, וכמו שאמר הנביא ישעיה לבני ישראל (ישעיה מד ו) **כה אמר ה' מלך ישראל וגואלו ה' צבאות אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלהים**, ומפרש בספר **כלי פז** לרבי שמואל לאנייאדו זצ"ל (ווינציאה ת"ז), **אני ראשון**, כלומר שקיימתי דברי בראשונה בגלות ראשון של מצרים, **ואני אחרון**, נאמן לקיים בגלות אחרון להשיב בנים לגבולם, עכ"ד. ולעת עתה מחמת נחיצות הענין נסדרו הדברים לדפוס כפי אמירתן בלשון אידיש המדוברת, ובעז"ה יסודרו הדברים גם בלה"ק דבר דבר על אופניו עם כמה הוספות נחוצות בענינים אלה ממה ששמענו מפי כ"ק מרן רבינו שליט"א במשך השנים.

יתן ה' כי נזכה לילך בדרך האמת ולא יסוג לבינו אחור ונתחזק באמונת אומן בה' ובתורתו, עדי נזכה במהרה לראות בקיום הבטחת הנביאים בשוב ה' את שבות עמו יגל יעקב ישמח ישראל, בביאת משיח צדקנו ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן.

# פתיחה

## לחזור ולשנן דברי הצדיקים הקודמים

### מיר האבן א שייכות מיט די פריערדיגע צדיקים

**ברשות** אלע חשובע רבנים צדיקים הגאונים שליט״א, ראשי ישיבות, חשובע בעלי בתים, אברכים יקרים, בחורי חמד, ילדי תשב״ר, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא היינט.

**מיר** געפינען די וואך אין די סדרה, משה רבינו האט געזאגט (במדבר יג כ) **וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ**, מ׳זאל זיך מחזק זיין און נעמען מפרי הארץ.

**בפשטות** קען זיין א רמז אזוי, ס׳שטייט אין **תפארת שלמה** (פ׳ בשלח, שער קר״ש) ער זאגט א סוד עמוק אין דעם ענין פון **מיתת צדיקים שחזרו לעפרם**, [פארוואס די צדיקים זענען נישט ארויף מיט זייער גוף אין גן עדן, נאר זייער גוף איז געבליבן אויף די וועלט], דאס ענין איז, **כדי שיהיו נקשרים עוד בעולם הזה**, זיי זאלן האבן א קשר מיט די וועלט, דאס איז לטובתם ולטובת בני ישראל בכלל.

**קומט** אויס אזוי, דאס וואס צדיקים אשר הם בארץ החיים לאחר פטירתם איז גופם מונח בקבר בארץ, מיט דעם האבן זיי א קשר מיט אידישע קינדער וואס זענען אויף די וועלט, דאס איז לטובת בני ישראל.

**דאס** האט משה רבינו געזאגט, **והתחזקתם** - מען זאל זיך מחזק זיין אין תוקף פונעם גלות, **ולקחתם** - מען זאל נעמען שפע קדושה, **מפרי הארץ** - פון די השפעות הצדיקים וואס זיי זענען בארץ החיים.

**נאך** מער קען זיין, **ולקחתם מפרי הארץ**, אז מ׳זאל זאגן א דבר שמועה פון צדיקים וואס זיי זענען בארץ החיים, דעמאלטס

איז שפתותיו דובבות בקבר (יבמות צז.), און ס'איז מעורר חיות פאר דעם צדיק, אזוי ווי דער **ישמח משה** זאגט (פ' תולדות), אז דער צדיק איז זיך דורך דעם מצטרף צום דור, און דעמאלט איז דא א געוואלדיגע השפעה[א].

**דאס** איז והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ, פון די דברי תורה פון די צדיקים וואס זענען בארץ החיים, דאס וועט זיין א חיזוק בכל עת ובכל זמן.

**א נחת רוח פאר רביה"ק זי"ע**

**אויף** די כוונה זענען מיר זיך היינט דא צוזאמענגעקומען, מקיים צו זיין דעם והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ, פון די תורתם של ראשונים כמלאכים, צדיקים וגאונים, און בפרט פונעם פעטער זכרונו לברכה, וואס ער האט מאיר געווען עיני ישראל בדור האחרון, מיר האבן זוכה געווען צו הערן לקח מפיו - תורה שבכתב [די הייליגע ספרים וואס ער האט געשריבן] און תורה שבעל פה [די פייערדיגע תורות און דרשות] - בדברים הנוגעים לאמונה אין הנהגת השי"ת בעולמו, וואס איז נוגע גלות, און די גאולה וואס וועט אי"ה זיין דורך משיח צדקינו במהרה בימינו[ב].

**דער** פעטער זכרונו לברכה האט זיך מוסר נפש געווען **לְלַמֵּד בְּנֵי יְהוּדָה קָשֶׁת** (ע"ש הפסוק שמואל-ב א יח), ווי אזוי מען זאל מלחמה

---

**א.** וזל"ק בישמח משה שם: ראיתי בספר אחד דכשאומר דבר בשם אומרו, אם כן שפתותיו של הצדיק דובבות בקבר, דהיינו שמעורר חיות להצדיק, ועל כן נחשב להדור. והיינו שדרשו (יבמות צז:) אגורה באהליך עולמים (תהלים סא ה), דהוי כדר בעולם הזה, עכ"ד.

**ב.** ונעתיק כאן לשון קדשו של מרן רבינו ז"ל **בברך משה** (פ' וישב עמוד רנ): ובספרו הקדוש ויואל משה מיד ה' עליו השכיל להציל את הדור כולו לבל יתפשו ברשת הרשעים, וידוע מה שכתב ק"ז הדברי חיים זי"ע בתשובותיו (ח"ב יו"ד סימן ק"ה) כי אף בזמנינו אלה תופיע רוח הקודש בחכמי הדור המחברים ספרים לשם שמים, עיי"ש. ובכן ברור כשמש שהספר ויואל משה נכתב ברוח הקודש, והיא המלמדינו אורחות חיים עד ביאת הגואל, עכ"ד. ועיין בחידו"ת מהר"ם ט"ב לפסח (עמוד פ) בדרשת חוהמ"פ שנת תש"ל לפ"ק.

האלטן, און אז מען זאל מלחמה האלטן מיט קליפת הציונות, דאס איז געווען משאת נפשו. היינט צוטאגס אז אלפי ישראל החרדים לדבריו - וואס האבן מקבל געווען דבריו הקדושים, ללמוד וללמד לשמור ולעשות, לדורות אחרינו - קומען זיך צוזאמען כדי איבער צו חזר'ן וואס ער האט אונז געלערנט, איז אוודאי א נחת רוח בעולם העליון ווען ער זעט אז דבריו עושין פירות לעד ולנצח נצחים.

**די אבות הקדושים געפינען זיך דא**

**עס** איז באקאנט, **כ' סיון תשל"ח**, היינט פאר פערציג יאר צוריק, ווען עס איז געווען די גרויסע אסיפה פון יסוד 'קרן הצלה'. איז דער פעטער זכרונו לברכה געקומען בשארית כוחותיו און ער האט געזאגט דברות קודש, צווישן די ווערטער האט ער געזאגט מיט א רגש, אז די אבות הקדושים געפונען זיך מיט אונז[ג].

**מיר** קענען זאגן היינט, דער פעטער זכרונו לברכה געפינט זיך דא מיט אונז במקום הזה!, [ובפרט אז] **שְׁלִיחוּתֵייהוּ קָא עַבְדִינַן** (לשון הגמ' גיטין פח:), מיר טוען יעצט זיין שליחות, דורכדעם וואס מיר לערנען די תורה פאר יונג און פאר אלט[ד].

**מיר** קענען אזוי פיל זאגן, **מִי בַעַל דְּבָרִים יִגַּשׁ אֲלֵיו** (לשוה"כ שמות כד יד). ווער עס האט עפעס וואס ס'דריקט אים אויפן הארץ, איז יעצט א זמן זיך מזכיר זיין בבקשה בדבר ישועה ורחמים אין אלע ענינים, אין אזא צייט קען מען געהאלפן ווערן בכל מיני ישועות.

---

**ג.** וז"ל בדברות קדשו (הנדפס בדברי יואל פ' שלח עמוד שסו) **וידוע מה דאיתא בזוה"ק** (פ' פינחס דף רכ.) **שבעידן חדוה מגרש הקב"ה את כל הצדיקים הקדושים והאבות מן העולם העליון ושולחם לעולם הזה להשתתף בשמחת בניהם, ומי לנו גדול כשמחה גדולה זו שמתקדש שמו יתברך במקהלות רבבות בית ישראל, וצריך כל אחד לדעת ולהאמין ששלחו אלינו משמי מרום את האבות הקדושים וכל הצדיקים להשתתף בשמחתינו והם נמצאים פה עמנו היום**, עכ"ד.

**ד.** עיין בעצי חיים (ח"ב פ' משפטים) בביאור הגמרא אנן שליחותייהו קעבדינן, וכיון דלהשליח נולד בחינת הקדושה מכח המשלח (עי' אוה"ח הק' פ' שלח), לכן גם אנחנו במידי דעבדינן שליחותייהו, נולד ונתלבש בנו כח דקמאי, עי"ש.

# פרק א׳

## רעיון הציונות

### נאציאנאליזם אזוי ווי אלע פעלקער

**ס׳איז** שוין אסאך געזאגט געווארן אין דעם ענין פון גאולת שקר דורך די ציונים, מ׳דארף קודם אביסל מאריך זיין, און מסביר זיין פארן אינגן דור, אנהייבן פון השתלשלות הדברים, מיט אביסל היסטאריע ווי אזוי ס׳איז געווארן ציונות.

**ציונות** האט אנגעהויבן צו שלאגן ווארצלען ביי די ענדע פון די ערשטע וועלט קריג, אין יאר תרע״ח [ה], היינט הונדערט יאר צוריק.

**דעמאלטס** זענען געפאלן די גרויסע מלוכות, ס׳איז געווען ממלכות אדירות וואס האבן שולט געווען אויף כמה וכמה אומות, ס׳איז געווען מלכות עסטרייך, מלכות רוסלאנד, מלכות טערקיי, וואס זיי האבן שולט געווען אויף אסאך אומות קטנות וואס זענען געווען נכנע אונטער זיי, זיי האבן פארלוירן די קריג, און אין רוסלאנד איז געווען אן איבערקערעניש, האבן די קלענערע מדינות אראפגעווארפן דעם עול פון די גרויסע מלכיות, און זיי האבן באקומען פרייהייט, ס׳איז געווארן א נייע מדינה וואס איז נישט געווען פון פריער, ס׳איז געווארן פוילן, ס׳איז געווארן ליטא, ס׳איז געווארן אונגארן א עקסטערע מדינה, א גרויס חלק רומעניע, ס׳איז געווארן טשעכין, ס׳איז געווארן סלאוואקיע, די סערבן האבן באקומען א חלק, אזוי זענען אויפגעשטאנען פרישע מדינות, קליינע און גרויסע.

---

**ה.** רעיון הציונית נתייסד בשנת תרנ״ו לפ״ק, אבל עדיין לא הצליחו להשריש רעיונם בקרב יראי ה׳ שומרי תומ״צ, רק במדינת אשכנז ובמדינת רוסיא פשתה המספחת, וכל גדולי הדור לחמו נגדם, אבל בשנת תרע״ח אחר מלחמת העולם הראשונה התעו אחריהם גם בשאר מדינות ונתפסו הרבה לרשתם. ועיין בספה״ק **ויואל משה** (מאמר ב סי׳ קמד).

**און** אזוי איז געווארן א תאוה פון נאציאנאליזם ביי די אלע אומות, יעדער האט באקומען א לאנד, יעדער איז געווארן א פאלק, יעדער איז געווארן א מענטש. דאס נאציאנאליזם - א לאנד, א שפראך, א פאן, מיניסטארן, א פארלאמענט - דאס איז א געוואלדיגע תאוה ביי אלע אומות, צו זיין א פריי פאלק פאר זיך אין לאנד, גוים זענען זיך ממש מוסר נפש פאר די תאוה.

**יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם** (קידושין ל:), איז געווארן דער יצר הרע גאר שטארק, אזוי אז אויך אידישע קינדער וואס האבן געוואוינט אין די מדינות האבן באקומען צו דעם א רייץ, זיי ווילן אויך האבן א זעלבסט שטענדיג לאנד. און די געוואלדיגע תאוה צו דעם - צוזאמען מיטן יצר הרע [פון קליפת הציונות] - האט זיך צושפרייט זייער שנעל און זייער שטארק אין די אלע מדינות אין אייראפע[ו].

---

**ו.** וז"ל רבינו בספה"ק ויואל משה בהקדמה (עמוד ז ד"ה ועי' רמב"ן): זה כמה שנים שהתחיל הרעיון הטמא הזה ע"י הציונים ונעשו פעולות נמרצות באופנים שונים לתכלית העברה על אותן השבועות, ובעו"ה רוב העם שבכל הכתות היו אמצעים לסייע לזה, כי גם מהכשרים שבישראל אף מאותן שלחמו הרבה עם הציונים עבור מעשיהם בהריסת הדת ומינות וכפירה ר"ל, אבל בעצם הרעיון הטמא שלהם של יציאה לחירות ועשיית מלוכה טרם ביאת המשיח, שזה הוא העיקר של השורש פורה ראש ולענה, בזה נתפסו הרבה כשרים מישראל, כי גדול כח היצר המסמא עינים בזה, ולא שמו אל לבם.

**עוד** שם (ד"ה אמנם) ובתחילה ממשיכים הלבבות במה שתאוה היא לעינים להיות ככל הגוים עם וממשלה כמו האומות, ושוב נמשכו אחריהם גם בעיקר הרעיון דלית דין ולית דיין ח"ו, אלא הכל תלוי בזרוע בשר וכלי זיין, ואין צריך להאריך בזה, כי נודע בחוש המהפכה הנוראה שהסבו הכתות האלה שנהפכו למינות ר"ל כמה מדינות, ונפרץ כח המינות במלואו בהרבה בתי בני ישראל הכשרים עד אין שיעור, וממש מספר גדול של מיליונים מישראל נפלו על ידם ברשת המינות ר"ל, ועל ידי שהצטרפו עמם גם כתות שאומרים שמטרת וכוונת התחברותם אליהם הוא בכדי לתקן ולהביא בתוך המינים גם דרך התורה, זה הי' הסרסרות להמשיך מבני ישראל הכשרים לספחם אל הרעיון הטמא הזה של הקמת המדינה, בחשם שיש שם גם מתקנים ופועלים בשביל התורה, ושוב אח"כ נופלים ברשת המינות לגמרי ע"י הגשר של הדתיים הנספחים אל הציונים, עכל"ק. ועיין עוד שם סימן ק"י, ובקונטרס על הגאולה ועל התמורה בהקדמה עמוד י"א.

### א רוחניות'דיגע השמדה ה' ישמרנו

**דעמאלטס** איז שוין געווען די מזרחי פארטיי, זיי האבן צוגעהאלפן צו דעם [ז], זיי האבן גענומען אויף זיך א פאן, פון **ישוב ארץ ישראל**, **קדושת ארץ ישראל** [ח], זיי זענען געגאנגען פון שטאט צו שטאט, פון קהילה צו קהילה, און אנגעמאכט חורבנות אין די אלע שטעט.

**קהילות** קדושות, ערליכע קהילות, חסיד'ישע קהילות יראים ושלמים, זענען חרוב געווארן, דאס אידישקייט איז צוגרונד געגאנגען, מיט תערובות, יונגען און מיידן אויפן ארגסטן אופן רחמנא ליצלן. מ'האט אראפגעווארפן פון זיך דעם עול התורה [ט].

---

**ז.** עיין בספה"ק **ויואל משה** (מאמר א סימן קט"ז) וז"ל: **ואף המזרחי שכחם רב ועצום הרבה יותר מהאגודה ברוב מנין ורוב בנין ופעלו הרבה לטובת הציונות והמדינה יותר מכל המפלגות, כי המה שהמשיכו רוב העולם לציונות על ידי שהתלבשו בלבוש של שם תורה, עי"ש.**

**ח.** עיין בספה"ק **ויואל משה** (מאמר ב סימן קלט) וז"ל: **גם זהו להם לכלי זין לסמות העינים ולבלבל המוחות שמקיימין בזה מצות ישוב ארץ ישראל, ואף כי המה אפיקורסים ומפירי הדת, מכל מקום אומרים על כל פשעים תכסה אהבת ארץ ישראל, וכמו שכתב הנועם מגדים** (פ' מטות) **כל הרע אויב בקודש, שעל כל מה שהרע אומר שהוא בקודש, זהו קשה מן החטא, עי"ש. וככה הוא בזה שכל הרעות הנוראות שעושים לישראל בגשמיות וברוחניות מלבישים בקודש של קדושת הארץ, עכ"ד.**

**ט.** כאשר היה מרגלא בפומיה של רבינו ז"ל להתאונן ולבכות על זה הרבה, עיין בדברי **יואל** (פ' יתרו עמוד לא), ועוד הרבה מקומות. ועיין בספר **דברי שמחה** מהגה"ק מציעשנוב (מכתב ג' משנת תרס"ד לפ"ק) וזל"ק: **ויש בידי קבוצת מכתבים מרבני גדולי רוסיא אשר יצעקו מר צורח לאמר על אלו 'המזרחים' שמחבלים כרם ד' צבאות, קול ד' חוצב להבות אש להזהיר את בני ישראל באזהרה חמורה להתרחק מהם ומדרכיהם ולמנוע מנתיבותיהם, כי המה לדמים יארבו יצפנו לנפשותם, כי בכל המקומות אשר נצמדו ונתחברו עליהם בני הנעורים מבחורי חמד מבני ישראל אשר היו נטועים בגן ד' כרם ד' צבאות כגן ד' כלו משקה תורה ויר"ש מימי הדעת חכמה ותבונה, ועתה בעוה"ר נלכדו בפח המוקש "מזרחיות" ו"ציונית", סרו עולם עול מלכות שמים מעל צואריהם, ופרקו עול התורה לילך בדרך שובב לאמור, ידינו רמה שפתותינו אתנו מי אדון לנו, וכופרים בדרשת חז"ל, ומבלים כל ימיהם בעתותיהם אשר מלאים בוז וקלון, מדברים סרה על ד' ועל משיחו, והרבה מהם**

**די** קליפה פון רעיון הציונות האט צו דעם צוגעשפילט, אלעס מיט׳ן ציל אז מ׳גייט עררייכן אן אייגן לאנד, מ׳וועט האָבן אן אייגענע שפראך, אן אייגענעם פאן, א אייגענע ׳הימנע׳. אסאך האט ליידער צוגעהאלפן דאס עַנִיוּת וואס איז געווען, עלטערן האבן נישט געהאט קיין ווארט אויף די קינדער, ממילא איז גרינג געווען פאר די ציונים איבערצורעדן דאס אינגווארג מיט אן הבטחה אז מ׳גייט האבן אן אייגענע מדינה און דעמאלסט וועט זיין גוט. מ׳האט צוגעזאגט הרים וגבעות. ס׳איז געווארן אן השמדה רוחניות, פאר צענדליגער צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער, מ׳רעדט נאך בעפאר ס׳איז געווען די ביטערע קריג - די צווייטע וועלט׳ס קריג - אסאך פאר די הקמת המדינה.

**ציונות האט אויף זיך שוין א פלעק פון השמדה רוחניות פון פילע צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער, נאך איידער עס איז געווארן א מדינה׳.**

**ס׳איז** איבריג צו זאגן, אז אין די ביטערע מלחמה האט ציונות געהאט א חלק אין השמדה גשמיות, מיט א חשבון אז ׳רק בדם תהיה לנו הארץ׳ יא.

---

אשר יצאו לגמרי לתרבות רעה ר״ל, כי אך מחשבותם והגיונם כל היום להתיר כל איסורין שבתורה, ולהשליך הגדרים והסייגים שגדרו חז״ל, יען כי כן ראו מראשי הציונים והמזרחיים אשר בחרו להם למורה דרך, וכן יעשו גם המה.

י. וז״ל רבינו בספה״ק ויואל משה (מאמר ב׳ סי׳ קל״ו): ומכל שכן אלה הרשעים אשר כבר אתמחי גברא למלאכה זו אשר עוד טרם שהיה בידם המלוכה הפכו רוב העולם למינות ר״ל אשר לא היתה כזאת מעולם.

יא. וכמו שביאר רבינו באורך בהקדמת ספה״ק ויואל משה (עמוד ו), ובמאמר שלש שבועות (סי׳ ק״י) שכתב: ואין איש שם על לב כי על ידי הכיתות האלה שמשכו לב העם ועברו על השבועה של דחיקת הקץ ליקח מלוכה וחירות קודם הזמן נהרגו ר״ל ששה מיליונים מישראל, כי מלבד שזהו עונש המר המבואר על זה בגמרא אני מתיר את בשרכם וכו׳, אבל הם עשו גם פעולות נוראות לדבר וכו׳ וחוץ מזה יש בירורים אמיתיים על כמה פעולות אכזריות שעשו בזה שדין גרמא בנזקין של כל האסון הנורא, וממדינת אונגארן נתברר קצת מהפעולות גם במשפט שהתנהל בארץ ישראל בזה [כוונת רבינו על משפט קאסטנער שר״י].

# פרק ב׳

## הקמת המדינה

### זיבעציג יאר פון עקירת התורה

**נאך** די קריג, איז געווען א עולם תהו ובהו, די אלע וואס זענען געראטעוועט געווארן זענען געווען צובראכן, און ס׳איז אויפגעשטאנען די מדינה לדאבון לב כל יראי ה׳.

**ס׳איז** געווארן אן עליה גדולה פון אסאך לענדער, פון די אראבישע לענדער, מען קען זאגן **אין זה עליה אלא ירידה**, ווייל מ׳האט מעביר געווען על הדת הונדערטער טויזנטער אנשים נשים וטף, אידן וואס זענען געווען תמימי לב, שומרי תורה ומצוות, אחינו בני ישראל יהדות ספרד [יב], לדאבון לב כל יראי ה׳ האט מען זיי מעביר געווען אויפן דת התורה באופן נורא ואיום, בפרט דאס אינגווארג.

**און** פון דעמאלטס ביז היינט זענען זיי ממשיך בדרכם הרע, זייער גאנצער ציל און אלע זייערע מחשבות איז עקירת התורה

---

ועיין בספר מן המצר להגרחמ״ד ווייסמאנדל ז״ל (פרק ח׳) שמעתיק מכתב מענה שנתקבל מראשי הציונים שר״י כאשר ביקשו מהם שישלחו כסף להדייטשן כשהיו מוכנים לקבל סחורה תמורת דם יהודי סאלוואקיי ואונגארין ולעצור הרציחות, והם כתבו שם: עליהם לזכור תמיד את הדבר היותר נחוץ שהוא העיקר שצריך שיהיה נגד פנינו תמיד, שסוף כל סוף ממלכות הברית ינצחו, ואחר הנצחון יחלקו את העולם מחדש בין העמים, כמו שעשו בסוף המלחמה הראשונה, ואז פתחו לפנינו הדרך למען צעד הראשון, ועתה ככלות המלחמה, עלינו לעשות הכל שארץ ישראל תתהוה למדינת ישראל, וכבר נעשו צעדים חשובים בענין זה, ועל הזעק הבא מארצינו, צריכים אנו לדעת כי כל העמים בני ממלכות הברית שופכים דם לרוב, ואם אנו לא נביא קרבנות, במה איפוא נקנה הזכות לגשת אל השולחן בשעה שיעשו את החלוקה של העמים והארצות אחר המלחמה?, ואם כן שטות ואפילו חוצפה הוא מצידינו לבקש מאת הגוים ששופכים את דמם, שהם יתנו רשות להביא את כספם למדינת אויבם להגן על הדם שלנו, ומסיים שם שהיה כתוב על המכתב בכתב עברי ׳כי רק בדם תהיה לנו הארץ׳.

**יב.** כידוע מה שעשו במדינות אפריקא, אזיע, מאראקא, איראן, איראק, אלדזשיר, פאקיסטאן, ועוד. ועיין ויואל משה מאמר ב׳ סימן קל״ט.

והדת[יג], השם ירחם, באופנים שונים, האבן זיי שוין גוזר געווען גזירות רעות אין משך פון די זיבעציג יאר פון די מדינה, צי עס איז גיוס בנות, חיטוטי שכבי, ניתוחי מתים, גיוס בני ישיבות, זיך אריינמישן אין סדר פון די לימודים, ועוד ועוד, זיבעציג יאר וואס איז איין קייט פון עקירת תורה מישראל!

## עקירת התורה איז נאר א תוצאה פון די מדינה

**מ׳דארף** אבער וויסן און פארשטיין, די אלע גזירות דאס איז די תולדה פון די אב הטומאה, די אב הטומאה איז די עצם הקמת המדינה, די הקמת המדינה איז א מרידה בה׳ ובתורה הקדושה, אין אמונה אין ביאת המשיח, א גאולת שקר דורך א בשר ודם וואס איז גע׳אסר׳ט געווארן באזהרה גדולה ובשבועה חמורה שלא ימרדו באומות, מ׳זאל נישט אראפווארפן פון זיך דעם עול הגלות[יד], און

---

**יג.** וכנודע מאמר הגאון רבי חיים מבריסק זצ״ל שאמר: העולם טועה כאילו מטרתה ותכליתה של הציונות היא הקמת מדינת יהודים, מטרתה של הציונות היא עקירת התורה ח״ו, ואילו בהקמת המדינה הם רואים רק האמצעי הטוב ביותר לעקירה זו, עכ״ל.

**יד.** עיין בספה״ק ויואל משה (מאמר א סימן י) בפירוש השבועה שלא יעלו בחומה, דלשון חומה אינו אלא לפי שהוא ביחד ויש לו תוקף, אבל אין המדובר שלא ברשות, והביא ראיה מלשון המדרש (איכ״ר פ״ח ס״י) דר״ל כד הוי חמי להון מצמתין בשוקא הוי אמר להון בדורו עצמיכון, א״ל בעלייתכם לא נעשיתם חומה וכאן באתם לעשות חומה, ועיין בויואל משה (שם סי׳ י״ב, סי׳ י״ז-כ״ג, סי׳ פ״ו), מאמר ב׳ (סי׳ ג׳), ובשו״ת דברי יואל (סי׳ ק״ח אות ו׳), ובאגרות מהרי״ט (סי׳ א׳).

**ועיין** בספר אגרות שדי חמד (עמוד רטו) שמביא אגרת שכתב הגאון בעל השדי חמד זצ״ל בשנת תר״ס נגד רעיון הציוני, ותו״ד: אך לעצם השיטה הזאת הנני מנגד בכל דעתי, יען כי השיטה הכוזבה הזאת היא אבן נגף וצור מכשול לבית ישראל בגשם וברוח וכו׳, השיטה הזאת שוללת מכל המחזיקים בה כל תקות ויעודי ישראל המחכים לביאת הגואל האמיתי, גואל צדק, גואל רוחני מופשט מגשמיות, אשר יביא לנו גאולה ניסית ולא טבעית.

**והמקום** להעתיק מה שכתב בספר שם משמואל (פ׳ שמות תרע״ז) וז״ל: והרה״ק אדמו״ר הר״ר בונם זצללה״ה מפרשיסחא אמר שבאם הגוי קורא על ישראל דברי זלזול, והישראל עונה לגוי לעומתו הרי הוא מאריך את הגלות רח״ל, עכ״ד. אלא יסבול את הגלות בהתנשאות הנפש, היפוך הכת הידועה שאינם יכולים לסבול הכניעה וסבלות הגלות, עכ״ד.

מ׳זאל נישט מדחיק זיין דעם קץ הגאולה, אזוי ווי די גמרא זאגט סוף מס׳ כתובות (דף קיא.) טו.

**׳הקמת המדינה׳ דאס איז דער ציל פון די קליפה פון רעיון הציונות וואס איז געווען פאר די קריג, און ס׳איז ליידער נתמלא געווארן זייער ביטערער חלום.**

---

**טו.** עיין מה שכתב בזה רבינו בספה״ק ויואל משה מאמר א׳ סימן כ״ד-כ״ה, וסימן מ״ג-מ״ד, וסימן ס״ח.

**ומחמת** שעצם הרעיון הוא לפרוק מעלינו עול הגלות בזרוע בשר, לכן אסור גם ברשות האומות, לפי שעצם השתדלות לפרוק מעלינו עול הגלות הוא היפך גזירת הגלות, כמו שכתב באהבת יהונתן (הפטרת ואתחנן בפסוק על הר גבוה). וכ״כ המהר״ש יפה בפי׳ יפה קול (על שה״ש עה״פ השבעתי), וכן משמע מדברי הרמב״ן (מאמר הגאולה סוף שער הראשון) דלכן לא עלו רוב ישראל אחר רשיון כורש דסברו דהפקידה של שבעים שנה רק לבבל היתה ולא להדרים בשאר מלכיות, עיי״ש. והאריך בזה רבינו בויואל משה (מאמר א סימן ט״ו-י״ז). ועיין עוד שם (סימן פ״ו) מה שהאריך רבינו לסתור דעת הטפשים האומרים שהיה עכשיו בהסכמת רוב האומות, ואם כן אין כאן איסור העברה על הקץ, עי״ש באריכות.

**וע״ע** בויואל משה (מאמר א סימן י׳) דלשון חומה אינו אלא לפי שהוא ביחד ויש לו תוקף, אבל אין המדובר שלא ברשות, והביא ראיה מלשון המדרש (איכ״ר פ״ח ס״י) דר״ל כד הוי חמי להון מצמתין בשוקא הוי אמר להון בדורו עצמיכון, א״ל בעלייתכם לא נעשיתם חומה וכאן באתם לעשות חומה, ועיין בויואל משה (מאמר א׳ סי׳ י״ב, סי׳ פ״ו, מאמר ב׳ סי׳ ג׳, ובשו״ת דברי יואל סי׳ קי״ח אות ו׳, ובאגרות מהרי״ט סי׳ א׳).

# פרק ג'

## גזירת הגלות והבטחת הגאולה

### ומפני חטאינו גלינו מארצינו

**אידן** דארפן צו וויסן, ס'איז דא א גזירת הגלות[טז], די גזירת הגלות קומט צוליב די חטאים - ליידער - פון אידישע קינדער. אין די תורה הקדושה שטייט עס כמה פעמים, אויב חלילה מ'וועט נישט האלטן די תורה וועט זיין א גלות.

**אין** פרשת והיה אם שמוע (דברים יא יג-כא) **שטייט וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה**, זאגט רש"י וואס איז טייטש ואבדתם מהרה? 'אגלה אתכם מן האדמה' - איך וועל אייך פארטרייבן אין גלות[יז].

**אין** פרשת אחרי (ויקרא יח כח) שטייט **וְלֹא תָקִיא הָאָרֶץ אֶתְכֶם בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ**, זאגט רש"י, (ומקורו בתורת כהנים שם) 'ארץ ישראל אינה מקיימת עוברי עבירה' - ארץ ישראל קען נישט האלטן אין זיך קיין עוברי עבירה, ממילא וועט מען גיין אין גלות[יח].

---

**טז.** עיין בהקדמת ויואל משה (עמוד ז ד"ה ועי' רמב"ן) וז"ל, ולפי מה שאכתוב אי"ה בפנים באורך יתבאר שיש בעצם הרעיון הזה של לקיחת ממשלה לישראל בעצמם לפני ביאת המשיח, מינות וכפירה בדרכי השי"ת כי אך הוא ית"ש המשעבד והגואל, אפס בלתו ית"ש גואלנו לימות המשיח, עכ"ל.

**יז.** וז"ל רש"י (ד"ה ואבדתם מהרה) על כל שאר היסורין אגלה אתכם מן האדמה שגרמה לכם לחטוא, משל למי ששלח בנו לבית המשתה והיה יושב ומפקידו אל תאכל יותר מצרכך שתבא נקי לביתך, ולא השגיח הבן ההוא, אכל ושתה יותר מצרכו והקיא וטנף את כל בני המסיבה, נטלוהו בידיו וברגליו וזרקוהו אחורי פלטרין, עיי"ש, ועיין בחזקוני (שם) ואבדתם, לשון גלות כמו (ישעיה כז יג) האובדים בארץ אשור, עיי"ש.

**יח.** וז"ל רש"י (ד"ה ולא תקיא) משל לבן מלך שהאכילוהו דבר מאוס שאין עומד במעיו אלא מקיאו, כך ארץ ישראל אינה מקיימת עוברי עבירה, ותרגומו ולא תרוקן לשון ריקון, מריקה עצמה מהם, עיי"ש. וכן כתיב עוד בפ' קדושים (ויקרא כ כב) ושמרתם את כל חוקותי ואת כל משפטי ועשיתם אותם ולא תקיא אתכם הארץ. **ועיין** רמב"ן (בראשית יט ה) ורבינו בחיי (בראשית יט כט) בענין מהפכת סדום, שה היה אות וסימן לישראל העתידים ליורשה, שאם לא יזהרו בירושת הארץ בשמירת התורה והמצוות, תקיא אותם ממנה כאשר הקדימה וקאה אנשי סדום,

**אין** ירמיה זאגט דער נביא דברי תוכחה (ירמיה ט יא) **עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ?**, ענטפערט דער נביא **וַיֹּאמֶר יְהֹוָה עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי** וגו׳, שטייט קלאר ארויס אין דברי הנביא צוליב וואס דער גלות איז געקומען. ווען מ׳לערנט די דברי הנביאים, צי ס׳איז ישעיה צי ס׳איז ירמיה, צו ס׳איז דער נביא הושע, טרעפט מען איבעראל דברי תוכחה פאר אידישע קינדער, און אן אזהרה אויפן גלות.

### ציונות איז כפירה אין גזירת הגלות

**אין** די גמרא מס׳ שבת (דף קיט:) און אין מס׳ יומא (דף ט:), **שטייט** קלאר כמה עבירות וואס דאס האט גורם געווען דעם גלות און דעם חורבן[יט], און אזוי זאגן מיר יעדן יו״ט (בתפלת מוסף) **וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ.**

**דער** גלות איז געקומען - נישט ווייל מיר האבן נישט געהאט גענוג א שטארקע ארמעי, צי מיר האבן נישט געהאט גוטע

---

וכאשר קאה אנשי הכנענים אחריהם, עי״ש. ובאור החיים הקדוש (ויקרא כו מג) מפרש הכתוב והארץ תעזב, שיציאת ישראל מארץ ישראל, היא לסיבת מניעת התורה, כי לצד שאין תורה, אין חשק לארץ בישיבתם בה, עכ״ד. וז״ל רבינו בספה״ק ויואל משה (מאמר ב׳ סימן מ״ג) אף דאיכא כמה קראי בתורה שארץ ישראל ניתנה לישראל, מכל מקום כשיש חטאים בישראל אין להם טענה מכל אלו הקראי, כי גם זה מבואר בתורה שאין נתינת הארץ אלא בתנאי של שמירת התורה, עכ״ד. ועיין עוד מאמר א׳ (סימן ק״ב וק״ג), ובמאמר ב׳ (סימן קכ״ז, ק״ל, קל״ו) שהאריך בזה.

**ועיין** מה שכתב החתם סופר (פ׳ שלח עמוד סג) ויתורו את ארץ כנען אשר אני נותן לבני ישראל, נ״ל דקדק שלא יתורו הארץ אם טובה או לא כי אין ספק בזה, אך יתורו ענין הארץ וקדושתה ותוכיותה מאי טעמא היא קאה הכנענים ומקבלת את ישראל, כי ראוי קדושת ישראל והתורה לקדושת הארץ, והיינו ויתורו את ארץ כנע״ן דייקא אשר אני נותן לבני ישרא״ל דייקא וההיפך מזה, עכ״ד. (וע״ע בתורת משה פ׳ שלח בפסוק טובה הארץ מאד מאד).

**יט.** וז״ל הגמרא (יומא ט:): מקדש ראשון מפני מה חרב מפני שלשה דברים שהיו בו עבודה זרה וגלוי עריות ושפיכות דמים עבודה זרה וכו׳, אבל מקדש שני שהיו עוסקין בתורה ובמצות וגמילות חסדים מפני מה חרב מפני שהיתה בו שנאת חנם וכו׳, (ועיין מהרש״א דציין למ״ש בהנזקין בעובדא דקמצא ובר קמצא שהוא היה תחלת החורבן עיי״ש). וכן אמרו חז״ל באבות (פ״ה מ״ט) גלות בא לעולם על עובדי עבודה זרה ועל גלוי עריות ועל שפיכות דמים ועל שמיטת וכו׳.

גענערעלער, אדער ווייל מיר האבן נישט געהאט גבורים!, אדרבה, דער גלות און דער חורבן איז געווען בדרך נס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איכה ד יב) **לֹא הֶאֱמִינוּ מַלְכֵי אֶרֶץ וכֹּל יֹשְׁבֵי תֵבֵל**, עס האט קיינער נישט געגלייבט פון די מלכי ארץ, **כִּי יָבֹא צַר וְאוֹיֵב בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלָיִם**, אזוי שטארק און אזוי באפעסטיגט זענען זיי געווען. פארוואס האט מען נישט געגלייבט? ווייל בדרך הטבע האט מען נישט געקענט איינעמען ירושלים, נאר ס׳איז געווען א ביטערע גזירה מן השמים א עונש אויף די חטאים.

**ציונות** זאגט פונקט פארקערט, ציונות זאגט אז דער גלות איז געקומען בכח הזרוע פון די וואס האבן איינגענומען ירושלים ווייל זיי זענען געווען שטערקער, זיי האבן געהאט א שטערקערע ארמעי - דאס אליינס איז כפירה - ס׳איז כפירה אין דעם וואס ס׳שטייט אין די תורה, ס׳איז כפירה אין וואס ס׳שטייט אין די נביאים, ס׳איז כפירה אין וואס ס׳שטייט אין דברי חז״ל!.

**דאס** איז איין נקודה, וואס מען דארף צו וויסן און צו חזר׳ן אז דער גלות איז געקומען נישט ווייל אונז האב מיר נישט געהאט גענוג א פעסטע שטארקע ארמעי, נאר צוליב חטאים[כ].

**ציונות איז כפירה אין די גאולה העתידה דורך השי״ת**

**והשנית**, דארף מען וויסן, אז די גאולה וועט זיין נאָר דורך הקב״ה אליין, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה אין פרשת נצבים (דברים ל׳ ב-ד) **וְשַׁבְתָּ עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְקוֹלוֹ**, אז מ׳וועט תשובה טוהן צום הייליגן באשעפער, און מ׳וועט הערן, מ׳וועט הארכן וואס דער אייבערשטער זאגט, וואס שטייט נאכדעם, **וְשָׁב ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים אֲשֶׁר הֱפִיצְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה**, דער אייבערשטער וועט צוזאמענעמען אלע אידישע קינדער

---

**כ.** ועיין ויואל משה (מאמר א סי׳ ט׳, מ, ע׳, פ, ומאמר ב סי׳ ק״ט) מה שהאריך בזה. ועיין בסוף הקונטרס מה שהעתקנו דברי מרן רבינו שליט״**א** בסעודת משתה היין שנת תשע״ה בענין זה.

פון אלע פיר זייטן פון די וועלט, וואו אידן זענען צוזייעט און צושפרייט, און ער וועט זיי טראגן צוריק קיין ארץ ישראל.

**און** אזוי פסק׳נט דער **רמב״ם** (הל׳ תשובה, פ״ז ה״ה) **אין ישראל נגאלין אלא בתשובה**, די גאולה שלימה וועט נישט זיין נאָר אז מען טוט תשובה [כא].

**די גזירת הגלות און די הבטחה פון די גאולה ביים ברית בין הבתרים**

**דער** מדרש (ב״ר פמ״ד סי״ח) **זאגט** אויפן פסוק (בראשית טו, יג) **יָדֹעַ תֵּדַע כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ**, ווען דער אייבערשטער האט מגלה געווען פאר אברהם אבינו בנבואה אז ס׳וועט זיין א גלות, זאגט דער מדרש **ידוע שאני מפזרן**, זאלסט וויסן אז איך טוה זיי צושפרייטן אין גלות, **תדע שאני מכנסן**, זאלסט וויסן אז איך וועל זיי צוזאמנעמען, **ידוע** זאלסט וויסן **שאני ממשכנן**, איך טוה זיי האלטן ווי א משכון פאר א בעל חוב, **תדע שאני פורקן**, איך וועל זיי אויסלייזן, **ידוע שאני משעבדן**, זאלסט וויסן אז איך בין זיי משעבד אין גלות, **תדע שאני גואלן**, איך וועל זיי אויסלייזן פון גלות [כב].

**און** אזוי זאגן מיר (ברכת יוצר לשבת) **אֶפֶס בִּלְתְּךָ גּוֹאֲלֵנוּ [לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ]**, גארנישט וועט נישט זיין **בלתך גואלינו**, נאר דער הייליגער באשעפער וועט אונז אויסלייזן [כג], און דאס איז איינס פון די עיקרי האמונה, צו גלייבן אין ביאת המשיח.

---

**כא.** ועיין ויואל משה (מאמר א סי׳ ט׳, מ׳, ע׳, פ׳, ומאמר ב סי׳ ק״ט) מה שהאריך בזה.

**כב.** ועיין ויואל משה (מאמר א סי׳ י״ח) וז״ל, הנה אמר הכתוב ידוע תדע, שצריך לידע זה שאך הקב״ה הוא המפזר והוא המכנס, ומבלעדו אין רשות להתערב בזה. ועיין בנזר הקודש שמאריך לפרש דאף שהכתוב מדבר בגאולת מצרים, מכל מקום הראה לנו שגאולת מצרים הוא האות והמופת על הגאולה העתידה שכן יהיה הכל כמו במצרים, כמו שנאמר כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, עכ״ד. וע״ע שם סימן מ״ה.

**כג.** עיין בדברי יואל (פ׳ בא עמוד רנה) שמפרש אמרינו אפס בלתך גואלינו לימות המשיח, על פי מה שכתב הרמב״ן ז״ל (פ׳ שלח) על הפסוק אפס כי עז העם, דמלת אפס מורה על דבר האפס ונמנע מן האדם, שאי אפשר בשום ענין כלשון האפס לנצח חסדו, עכ״ד. וזה שאמר אפס בלתך גואלינו, שאי אפשר בשום ענין גאולה בלתך, ורק הבורא ית״ש יגאלינו לימות המשיח, עכ״ד. וע״ע בדברי יואל (קהלת אות י).

# פרק ד׳

## עיקרי האמונה

### די מצוה פון האפן אויף די גאולה שלימה

**אין סמ״ק** (ס׳פר מ׳צות ק׳טן) וואס דער מחבר איז דער ר״י מקורביל, א ראשון, איינער פון די בעלי התוספות, אויף די מצוה פון **אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם** (שמות כ, ב), איז ער מסביר וואס איז די מצוה פון אנכי ה׳ אלקיך, יעדער איינער ווייסט אז די מצוה פון אנכי ה׳ אלקיך איז צו גלייבן אין מציאת הבורא, אז ס׳איז דא איין איינציגער באשעפער. זאגט דער סמ״ק, ער שטעלט זיך אויף די גמרא אין שבת (דף לא.), אז ווען א מענטש קומט ארויף בעולם העליון, פרעגט מען אים א שאלה **צפית לישועה**, האסט געהאפט אויף די ישועה? פרעגט דער סמ״ק - אז מ׳פרעגט אזא שאלה - וואו שטייט אין די תורה אז מ׳דארף צו האפן פאר די ישועה?

**הוא** מותיב והוא מפרק, ענטפערט ער אזוי, אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים איז דער אפטייטש אזוי, זאלסט וויסן, אז פונקט ווי איך וויל דו זאלסט גלייבן אז איך הקב״ה האט ענק ארויסגענומען פון מצרים, אזוי וויל איך אז מ׳זאל גלייבן, ״אני ה׳ אלקיכם ואני עתיד לקבץ אתכם״, הקב״ה זאגט איך וועל ענק צוזאמנעמען, ולהושיעכם, דאס איז די מצוה פון אנכי ה׳ אלקיך ״אשר הוצאתיך מארץ מצרים״ [כד]. - אזוי שטייט אין סמ״ק, אמונה

---

**כד.** וז״ל הסמ״ק (מצוה א׳) לידע שאותו שברא שמים וארץ, הוא לבדו מושל למעלה ולמטה ובד׳ רוחות העולם, דכתיב (שמות כ א) אנכי ה׳ אלקיך, וכתיב (דברים ד) וידעת היום והשבות אל לבבך, כי ה׳ הוא אלוקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד, ודרשו רבותינו פסיקתא ואתחנן (עיין ילקוט רמז רס״מ) אין עוד אפילו באויר לידע, פירוש לאפוקי מן הפילוסופים שאומרים שהעולם נוהג במזל מאליו ואין לו מנהיג, ואפילו קריעת ים סוף ויציאת מצרים וכל הנפלאות שנעשו במזל נעשו, ויש לנו להאמין כי שקר הם דוברים, אכן הקב״ה מנהיג את העולם ברוח פיו והוא הוציאנו ממצרים, ואין אדם נוקף אצבע למטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה (חולין ז.), שנאמר (תהלים לז) מה׳ מצעדי גבר כוננו, ובזה תלוי מה שאמרו

אין די גאולה העתידה דורך הקב״ה, דאס איז בכלל אין אמונה פון אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים.

**די גאולה וועט זיין ׳נאר׳ דורך הקב״ה אזוי ווי אין מצרים**

**יעדער** איינער פארשטייט, לויט דעם איז פארענטפערט די קשיא וואס מען פרעגט (רמב״ן פר׳ יתרו בשם רבינו יהודה הלוי), פארוואס שטייט ׳אשר הוצאתיך מארץ מצרים׳, פארוואס שטייט נישט ׳אשר בראתיך׳? ווייל מיט דעם איז דא אן אזהרה, אז מ׳זאל גלייבן אויף די גאולה העתידה, אז ס׳וועט זיין דורך השי״ת.

**קען** מען זאגן א היקש, פונקט ווי מען דארף צו גלייבן אז הקב״ה אליינס אן קיין שום הילף פון א בשר ודם האט ארויסגענומען אידישע קינדער פון מצרים, ס׳איז נישט געווען קיין פעולת בשר ודם, אזוי דארף מען צו גלייבן אז אויפן זעלבן אופן וועט זיין די גאולה העתידה, דורך הקב״ה אליינס און נישט דורך פעולות בשר ודם.

**פריקת עול הגלות איז פריקת עול מלכות שמים**

**מיט** דעם קען מען פארשטיין, ס׳שטייט אין ספה״ק **אוהב ישראל** (פר׳ ויגש) ווען יעקב אבינו איז אראפגעגאנגען קיין מצרים, און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו (בראשית מו ג) **אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה**, זאגט דער אוהב ישראל, אז דער אייבערשטער האט געהייסן פאר יעקב אבינו צו זאגן **׳הנני מוכן ומזומן לקבל עול הגלות ועול מלכות שמים׳!**

**ס׳איז הפלא ופלא!** דער אוהב ישראל זאגט, דער אייבערשטער האט געהייסן פאר יעקב אבינו, ער גייט אראפ קיין מצרים,

---

חכמים (שבת לא) ששואלין לו לאדם לאחר מיתה בעת דינו צפית לישועה, והיכן כתובה מצוה זאת, אלא שמע מנא בזה תלוי, שכשם שיש לנו להאמין שהוציאנו ממצרים שנאמר (שמות כ, א) אנכי ה׳ אלקיך וגומר, כך יש לנו להאמין שיוציאנו ויקבצינו מבין הגויים שנאמר (דברים ל) ושב יקבצך מכל העמים עכ״ל.

**ועיין** הגהות רבינו פרץ על הסמ״ק סימן א׳, וז״ל: אם כן צפית לישועה מצוה כתובה היא מאנכי, ולכך שואלין עליה, ע״כ.

ער זאל זאגן ווי א איד זאגט פאר תקיעת שופר צי פאר אכילת מצה, **׳הנני מוכן ומזומן לקבל עול הגלות ועול מלכות שמים׳.** לכאורה ווי קומט די צוויי זאכן אינאיינעם, ׳עול הגלות׳ און ׳עול מלכות שמים׳? נאר לויט דעם סמ״ק פארשטייט מען, ׳קבלת עול הגלות׳ קומט ארויס פונעם פסוק ׳אנכי ה׳ אלקיך׳ וואס דאס איז ׳קבלת עול מלכות שמים׳, און **ווער ס׳ווארפט אראפ פון זיך דעם עול הגלות, ווארפט אראפ פון זיך דעם עול מלכות שמים!** און ער איז א כופר אין די ציווי פון ׳אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים׳.

**קומט אויס אזוי קלאר, ציונות איז א כפירה אין די ערשטע ציווי פון די עשרת הדברות,** אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים.

**דער חתם סופר** אין די דרשות אויף יו״ט פסח (דף רנח.), ברענגט אראפ דעם פסוק אין תהלים (עח ט) **בְּנֵי אֶפְרַיִם נוֹשְׁקֵי רוֹמֵי קֶשֶׁת הָפְכוּ בְּיוֹם קְרָב,** חז״ל דרש׳נען (סנהדרין צב:) וואס האבן זיי געטון? זיי האבן ממהר געווען דעם קץ, זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים דרייסיג יאר פאר יציאת מצרים, וואס שטייט אויף דעם אין פסוק (שם פסוק י) **לֹא שָׁמְרוּ בְּרִית אֱלֹקִים וּבְתוֹרָתוֹ מֵאֲנוּ לָלֶכֶת,** ווען זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים פארן זמן. זאגט דער חתם סופר, אז ווייל זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים פארן זמן כה, וועגן דעם האט עס גורם געווען אז זיי האבן כופר געווען בה׳ מכל וכל, און ס׳איז ארויס געקומען פון אפרים ירבעם בן נבט וואס **חטא והחטיא את הרבים** (אבות פ״ה מי״ח).

**א** פלא׳דיגע זאך, ווייל זיי האבן דוחה געווען דעם קץ, איז ארויס געקומען פון זיי דער גרויסער רשע ירבעם בן נבט שחטא והחטיא את הרבים מיט עבודה זרה ממש.

---

**כה.** עיין ויואל משה מאמר א סימן ל״ב ד״ה ולבאר, ובסימן מ״ה ד״ה ומיושב, מה שכתב בזה לדרכו בקודש.

**אויב** אזוי פארשטייט מען וואס דער רבש״ע האט אנגעזאגט פאר יעקב אבינו צו זאגן **הנני מוכן ומזומן לקבל עול הגלות ועול מלכות שמים!** ווייל אז מ׳ווארפט אראפ פון זיך דעם עול הגלות, ווארפט מען אראפ פון זיך דעם עול מלכות שמים, אזוי ווי מ׳זעט אז פון די בני אפרים איז ארויס געקומען ירבעם בן נבט.[כו]

### דחיקת הקץ איז גורם צו לייקענען אין די גאנצע תורה ח״ו

**ציונות** האט דוחק געווען דעם קץ! דאס האט זיי גורם געווען כופר צו זיין בכל התורה כולה מכל וכל, די עבירת דחיקת הקץ איז גורר עבירה, כופר צו זיין בכל התורה כולה! דאס האט זיי אהערגעשטעלט א מאדערנעם ירבעם בן נבט, שחטא והחטיא את הרבים. זיי זענען היינט צוטאגס חוטאים ומחטיאים את הרבים! רבים חללים הפילה, זיי האבן שוין מחטיא געווען את הרבים, אן א שיעור אידן וואס זענען ליידער געווארן כופרים גמורים, מינים ואפיקורסים. און ליידער העכער **א מיליאן אידישע קינדער ווערן מחונך אן שמע ישראל!** [כז].

---

**כו.** ועיין בברך משה (פ׳ עקב עמוד פה) שהביא דברי הגמרא במס׳ יבמות (דף קכא.) תניא אמר רבן גמליאל, פעם אחת הייתי מהלך בספינה, וראיתי ספינה אחת שנשברה והייתי מצטער על תלמיד חכם שבה, ומנו רבי עקיבא, וכשעליתי ביבשה בא וישב ודן לפני בהלכה, אמרתי לו בני מי העלך, אמר לי דף של ספינה נזדמן לי, וכל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי, מכאן אמרו חכמים אם יבואו רשעים על אדם ינענע לו ראשו. וכתב המהרש״א (חא״ג ב״ב עג.) שבא הרמז בזה שבמשך הגלות צריכין ישראל להכניע ראשם לפני אומות העולם הנמשלים לגלי הים, עיי״ש. והוא מוסר גדול לכל ישראל, למען דעת שכל קיומינו באורך הגלות הוא רק על ידי הכנעת ראש לכל גל וגל הבא עלינו, ורק בכח זה נוכל להחזיק מעמד מול גלי הים הזועפים המבקשים לכלותינו, אבל חלילה לנו למרוד באומות העולם ולפרוק עול הגלות מעלינו, כי אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים שיבא ויגאלינו במהרה בימינו, עכ״ד.

**כז.** עיין בדברי יואל (הושענא רבה אות סד) שמתמרמר שם רבינו, כי אותו מלכות המכונה בשם מלכות ישראל, שם הוא מקור השמדיות והמינות והכפירה, ומשם מפיצים מינות וכפירה לכל העולם, ותשעים וחמשה אחוז מכל המתחנכים שם נתחנכים לכופרים ל״ע, ומגדלים ומלמדים אותם להיות כופרים בעיקר ל״ע, ואח״כ הם מפיצים מינות בכל העולם, עי״ש.

**ציונות איז אבי אבות הטומאה!** וואס דאס ברענגט צו כפירה בד׳ ובתורתו הקדושה, און אויף דעם איז געזאגט געווארן ׳ובתורתו מאנו ללכת׳, אזוי ווי ס׳שטייט אין חתם סופר.

---

**ועיין בברך משה** (מאמר שואגים הושענא אות ח) שמתאונן על חילול הקודש הנעשה בארצינו הקדושה על ידי מלכות הרשעה, אשר מיום הווסדה כבר העבירו על הדת רבי רבבות מישראל, ועתה קול נהי נשמע מציון כי מספר הילדים המתחנכים תחת רשתם בדרכי מינות וכפירה עולה למעלה ממיליאן וחצי, אוי לנו שכך עלתה בימינו אשר אלפים ורבבות מזרע ישראל יתגדלו בדרכי הגוים מבלי שידעו שיש בורא עולם, על זה דוה לבנו על אלה חשכו עינינו, מי יתנה תוקף צער השכינה הקדושה, שכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי, עי״ש.

# פרק ה׳

## מצות אבד תאבדון

### ווער ס׳האט א חלק אין די ממשלה האט א חלק אין אויפהאלטן עבודה זרה

**אין** די תורה הקדושה פרשת ראה געפינען מיר א מצוה, ווען מ׳גייט אריין קיין ארץ ישראל, **אַבֵּד תְּאַבְּדוּן** (דברים יב ב), מ׳דארף מאבד זיין אלע עבודה זרה׳ס אין ארץ ישראל (עיין רמב״ם הלכות עכו״ם פ״ז ה״א). פון די ערשטע רגע וואס זיי האבן אויפגעשטעלט די מדינה, האבן זיי אריינגעשריבן [במגילת העצמאות] אז זיי גייען אפהיטן און מחזק זיין אלע דתות שבעולם, אלע עבודה זרה׳ס שבעולם. און אין מציאות איז דא א מיניסטעריום פאר אלע דתות, וואס געט געלט און תמיכה פאר מוסדות התורה, און להבדיל אויך פאר בתי עבודה זרה ממש בארץ הקודש! [כח]

**א** רעגירונג ארבעט מיט א בודזשעט, יעדעס יאר טוט די רעגירונג באשטעטיגן א בודזשעט, כך וכך ממון פאר די גאנצע מדינה, און עס ווערט אויסגערעכנט אין א בוך פאר יעדע זאך בפרטיות וואו ס׳גייט דאס געלט. אין דעם בוך ווערט אויסגעשריבן כך וכך געלט פאר בתי עבודה זרה בארץ הקודש!

**די** פרומע חברי הכנסת באשטעטיגן דעם בודזשעט יעדעס יאר, זיי באשטעטיגן אז מ׳זאל מיט געלט מחזק זיין און אפהיטן אלע בתי עבודה זרה אין ארץ ישראל, היפך פון די מצות עשה פון אבד תאבדון. אין ויואל משה איז דא אן אריכות אין די פרטי המצוה פון אבד תאבדון [כט].

---

**כח.** ועיין בויואל משה מאמר א סימן צ״ט.

**כט.** עיין בספה״ק ויואל משה (מאמר א׳ סימן צ) שמאריך לבאר איסורי עבודה זרה ומינות שיש בשלטון יהודי בארץ ישראל הקדושה, ובתוכו גם האיסור לכבוש מקום בארץ ישראל מבלי לאבד העבודה זרה שבתוכה, שהיא מהוה עבודה זרה

**ס׳איז** מיר יארן קשה געווען א קושיא חמורה. וויאזוי קען דאס זיין אז אידן שומרי תורה ומצוות, א איד וואס טוט אן תפילין אינדערפרי, ער זאל באשטעטיגן געלט מחזק צו זיין בתי עבודה זרה אין ארץ הקודש?! נאר לויט דעם חתם סופר איז מיר דאס ליידער פארענטפערט געווארן, וויבאלד זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו די ציונים, זיי האבן זיך פארבינדן מיט זיי מיט דעות, זיי זענען געווארן פאטריאטן פאר די מדינה און פאר ציונות, עצם מעצמם ובשר מבשרם, ממילא איז ליידער ביי זיי מקוים געווארן ׳ובתורתו מאנו ללכת׳, און זיי האבן א שותפות אין חיזוק בתי עבודה זרה בארצינו הקדושה ר״ל.

**דאס** איז חוץ וואס די ממשלה באשטעטיגט געלט און העלפט צו אין הפצת זימה וזוהמא, גילוי עריות און שפיכת דמים! אין די לענג און אין די ברייט פון ארץ ישראל, מדן ועד באר שבע.

**די וואס גייען צו די בחירות האבן א חלק אין די ג׳ עבירות החמורות**

**קומט** אויס, די פרומע חברי הכנסת - און ווער ס׳שיקט זיי [די אלע וואס געבן זייערע שטימען אין די בחירות] - האבן א חלק אין ג׳ עבירות חמורות, עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים, רחמנא ליצלן[ל].

---

בעצמה, והכובשים את הארץ במחשבה זו בלי לאבד העבודה זרה שבתוכה, יש להם דין ועונש של עובדי עבודה זרה ממש.

**ובסימן** צ״ה מביא רבינו ראיה נוסף לדבריו והעונש החמור שיש בכך, וזל״ק:
ובישראל נלפענ״ד עוד ראיה ברורה שיש למצוה זו של איבוד עבודה זרה דין עבודה זרה ממש, מדברי רש״י ז״ל בפ׳ מסעי וכו׳, כך אמר להם משה כשאתם עוברים בירדן ביבשה על מנת כן תעברו, ואם לאו המים באים ושוטפין אתכם וכו׳, והיא מגמרא סוטה דף ל״ד וכו׳, וע״כ שיש לזה [שלא לאבד הע״ז] דין עבודה זרה ממש, ובעבודה זרה מחשבה רעה הקב״ה מצרפה למעשה, כמבואר בגמרא קידושין דף מ״א, ולכן ההולכים במחשבה זו לכבוש את ארץ ישראל עם העבודה זרה שבתוכה שלא לאבדם, יש להם דין ועונש של עובדי עבודה זרה ממש עוד בהיותם בדרך, עכלה״ק. וע״ע בקונטרס על הגאולה ועל התמורה סימן נ״ד.

**ל.** וז״ל רבינו שם (מאמר א׳ סימן צ״ח): ואם כן כל המשתתפים בממשלה זו המה שותפים לעבודה זרה, ועוברים בזה על איסורא דיהרג ואל יעבור, ואף אלו

# פרק ו׳

## השתדלות לגאולה העתידה

### די גאולה העתידה איז געוואנדן אין תשובה

**ציונות** איז כפירה אין די פסוקים פון די תורה הקדושה, אין די נביאים און אין דברי חז״ל - ווי מיר האבן פריער געשמועסט - וואס איז מבואר היטב דער ענין פון גלות, און אז די גאולה וועט זיין נאר דורך הקב״ה און נישט דורך פעולות בשר ודם

**וואס** דען? וואס ליגט במעשינו? וואס ווענדט זיך אין אונז? מ׳זאל תשובה טוהן צום הייליגן באשעפער בכל לב, מקיים צו זיין לשמוע בקולו, מקיים צו זיין די תרי״ג מצוות מדאורייתא און די מצוות מדרבנן, וועט זיך דער אייבערשטער מרחם זיין אויף כלל ישראל און אויסלייזן כלל ישראל פונעם גלות.

### מען טאר נישט טוהן קיין השתדלות פאר די גאולה העתידה

**דער** ענין פון גאולה, דאס איז א פעולה וואס נאר הקב״ה טוט דאס כביכול בכבודו ובעצמו, ווער ס׳טוט א פעולת בשר ודם אין עניני גאולה, איז א כופר אין די הנהגת העולם דורך הקב״ה בעצמו.

**אין** אנדערע ענינים, פרנסה, רפואה, פארשידענע ענינים, האט דער אייבערשטער געגעבן א רשות פאר א בשר ודם עוסק צו זיין,

---

היה בא אליהו ומשיח וכבר הגיע זמן הגאולה והיו עושים בממשלתם כל חוקי התורה ומצותיה מלבד אותו העון שלא לבער את העבודה זרה שתחת ממשלתם, היה אסור להשתתף במלכותם באיסורא דיהרג ואל יעבור, אך אין מציאות לדבר שיהיה כן בממשלת התורה, וגם מזה בעצמו שלא נוכל לבער העבודה זרה שבארץ ישראל הוא בירור שלא הגיע עדיין זמן הגאולה, ואנו אומרים בכל יום ויום כמה פעמים אחר כל התפלות, על כן נקוה לך וכו׳ וחושבים שם התקוה הראשונה להעביר גילולים מן הארץ, ואח״כ מסיימים והיה ה׳ למלך וכו׳, והגאולה תלויה בהתגלות מלכותו ית״ש כמבואר בקרא ועלו מושיעים וגו׳ ואח״כ והיתה לה׳ המלוכה, עכ״ל.

און אויף דעם איז געזאגט געווארן (דברים טו יח) וברכתיך בכל אשר תעשה, דאס איז דער רצון הבורא אז די וועלט זאל זיך אזוי פירן[לא] (ספרי, שם), אבער אין עניני הגאולה האט מען נישט געגעבן קיין רשות, נאר פונקט פארקערט, מען האט גע'אסר'ט!. קומט אויס אז ווער ס'טוט יא אליינס איז ער א כופר אין די אמונה אין בורא כל עולמים, אז דער אייבערשטער איז מנהיג עולמו כרצונו[לב].

**דער** פעטער ז"ל אין ויואל משה זאגט, אז דאס עצם רופן עצמאות ווייזט אויף כחי ועוצם ידי, און אויף א פריקה אין עול מלכות שמים[לג].

---

**לא.** ז"ל הספרי (פ' ראה אות ע), וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה (דברים טו יח), יכול בטל, תלמוד לומר בכל אשר תעשה.

**לב.** וז"ל רבינו בדברי יואל (קהלת אות י) דבכל שאר צרכי האדם נאמר בהם וברכתיך בכל אשר תעשה, וכגון בעניני הפרנסה יש צורך שהאדם עצמו גם כן יעסוק קצת במשא ומתן, ואח"כ ישלח לו הבורא יתברך את ברכתו ממעל ויצליח בידו, או מי שיש לו ח"ו חולי בתוך ביתו, אע"פ שהוא ברחמיו ית"ש השולח לו רפואה שלימה מן השמים, מכל מקום ניתן רשות לרופא לרפאות על ידי רפואות שונות (ברכות ס.), וכן הוא בכל צרכי העולם שיש צורך שגם האדם עצמו יתחיל מקודם באיזה פעולה, ואח"כ ה' יגמור בעדו לטובה, אבל לא כן בענין הגאולה שלימה, כי הוא זה אך בידו של הקב"ה לבד ואין לבני אדם להקדים ולסייע לזה בשום פעולה אנושיות, עכ"ל. ונתבאר הענין באורך גם בויואל משה (סי' מ"ה, ובסי' ע"ו).

**ועיין** בדברי יואל (פ' שלח עמוד שמח) אחר שהאריך רבינו בענין המרגלים כתב: למדנו שכל ההכנות שעושין בני אדם בפעולות ובמעשים לדחוק את הקץ אינם אלא מקלקלין, שכבר העיד בנו הכתוב (מלאכי ג א) ופתאום יבא אל היכלו האדון אשר אתם מבקשים, מבלי שום הכנה וידיעה מוקדמת. ורבינו מפרש שם הכתוב (תהלים קכז א) אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, דלכאורה יש לתמוה תמיהה רבתי קושיא לאלקינו מדוע ה' לא יבנה בית המקדש השלישי, הלא כבר כלו כל הקיצים ועדיין בן דוד לא בא, וכבר סבלנו צרות מרורות כלענה מחבלי משיח המתגברים ועודנה תכלינה עינינו בצפייתינו ואנחנו לא נושענו, ועל זה בא כמשיב כי סיבת העכבה היא "שוא" עמלו בוניו בו, לפי שהסט"א וכת דיליה הקרויים שוא עמלו בבנין הארץ, דין גרמא דעציראה שנתעכבה הגאולה בעוונות, ואלמלא עמלו הם בבנינו כבר היה ה' בונה ביתו, עכ"ד.

**לג.** וז"ל רבינו בספה"ק ויואל משה (מאמר ב' סימן קמ"ז) וככה הוא עכשיו שכל כתות הציונים כופרים לגמרי בהשי"ת ובתוה"ק ואין להם אלא ארץ ישראל, אם כן נותנים עצמאות לארץ ישראל בלי מורא מהשי"ת עושין בזה עבודה זרה כי

# פרק ז׳

## השבעתי אתכם

### די הארבע עונשים אויב מ׳איז עובר אויף די שלש שבועות

**דאס** ענין פון פעולות בשר ודם וואס איז נוגע די גאולה העתידה, האבן מיר דערמאנט פריער די גמרא אין כתובות (דף קיא.), דער אייבערשטער האט באשוואוירן אידישע קינדער ווען זיי זענען געגאנגען אין גלות, שלא ימרדו באומות ולא ידחקו את הקץ, די פרטי ענינים כי רבים הם זענען מבואר אין ויואל משה (מאמר שלש שבועות).

**בקיצור** דארף מען אזויפיל זאגן, ס׳איז דא א שבועה אויף כלל ישראל במשך ימי הגלות ווען מ׳איז צווישן די אומות, אז מ׳זאל נישט מאכן קיין מרידה אין די אומות, און מ׳זאל נישט דוחק זיין את הקץ צו טוהן א פעולה דורך א בשר ודם ממהר צו זיין די גאולה, אראפ צוווארפן פון זיך דעם עול הגלות, און ווער עס איז חלילה עובר אויף די שבועה איז מבואר בגמרא ׳הריני מתיר את בשרכם׳, זייער א ביטערע לשון, אין ויואל משה (הקדמה, ובסימנים ל״ב, ע״ה, ע״ט) איז מבואר דער חומר פון די עונשים אויף העברת השבועה [לד].

---

כל עצמאות שהוא מבלעדי השי״ת הוי עבודה זרה ר״ל כנזכר לעיל, והדתיים הנגררים אחר הציונים למלאות את דבריהם בענין ארץ ישראל נותנים להם רב חיזוק ואומץ במה שמעמידים צלם בהיכל ה׳, אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה, והכי קראו שם היום המר והנמהר שקרה האסון הנורא לישראל שהוקמה מלכות המינות בארץ ישראל - זה שמו אשר קראו ליום אידם יום העצמאות, כי כל ענין העצמאות הוא מינות ר״ל, שאין שום עצמאות בעולם אלא השי״ת לבדו הוא ולא אחר, עכ״ד.

**לד.** ונציין יסוד הדברים, דהנה במהר״ל בנצח ישראל (פכ״ד) כתב שהשביען בדורו של שמד דאפילו יכופו בכל מיני עינויים לצאת מן הגלות דאסור, וביאר מרן ז״ל את דבריו (עיין מאמר א׳ סי׳ ל״ג), דכוונתו שאפילו יענו האומות את ישראל ולא יהיה להם עצה אלא לצאת מן הגלות לא יצאו, עיי״ש, עוד כתב רבינו ז״ל (עי׳ דברי יואל וישלח עמוד קפא, תניינא ואתחנן עמוד קעז.) בביאור בדברי המהר״ל שכתב שהשביען בדורו של שמד דאפילו יכופו בכל מיני עינוים לצאת מן הגלות דאסור, דאף שלא

## אויך אין מצרים האבן אידן נישט מורד געווען באומות

**א** דבר פלא האב איך געזען אין **דברי שאול** על התורה[לה], פונעם גאון בעל **שואל ומשיב** (הגאון רבי יוסף שאול הלוי זצ״ל אבד״ק לעמבערג). ער איז געווען דער וועלט׳ס גאון און דער וועלט׳ס פוסק, זאגט ער אין פרשת שמות (עה״פ הבה נתחכמה), אידישע קינדער אין מצרים, ס׳איז געווען א שווערע גלות, **וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד** (שמות א ז). פרעגט ער א קשיא, ס׳איז געווען זייער א שווערער גלות, מען האט גע׳שחט׳ן הונדערט און פופציג אידישע

---

יצוייר שיעשו האומות כן, מכל מקום בא האזהרה כענין שמד דכמו שבע״ז הזהיר הכתוב באיסור הנאה כדי להנצל מן המחשבה ההוא, כמו כן הזהיר ע״ז שיהרג ולא יעבור כדי שלא יתפתה האדם לדמיון של הצלחה או הצלת נפשות, עי״ש.

**עוד** כתב רבינו בויואל משה (מאמר א׳ סי׳ קל״ט) יסוד גדול בזה, דחז״ל גרמו הריגת בן כוזיבא (או שנהרג על ידם), ואף שידעו שעי״ז יגדע קרן ישראל ויגרום הדבר להריגת אלפים ורבבות מישראל, מ״מ ידעו חכמים שעל חטא דחיקת הקץ יענשו ביותר ח״ו, ולכן בחרו הרע במיעוטו, עיי״ש דברים נוראים.

**ועיין** מה שכתב בספר פרי צדיק (פ׳ ואתחנן אות א) וז״ל: אך הפירוש שלא יעלו בחומה, היינו אף שיעלה על דעתם שהם ראוים לגאולה וכמו שאמרו (פסחים פז.) אני חומה זו תורה וכו׳, וכן נדרש (שהש״ר פ״ח סי״א) אם חומה הוא זה אברהם וכו׳, אם מעמיד הוא דברים כחומה וכו׳ אני חומה וכו׳ ואעמיד מעשים טובים כחומה. וזהו שלא יעלו בחומה שלא ירצו דוקא לעלות בכח החומה אפילו כשיראו שהם ראוים ויש להם תורה ומעשים טובים כחומה על זה היתה השבועה שלא יעלו בחומה. ושלא ימרדו באומות העולם, היינו גם כן כשיראו שכבר גדלה רשעת הגוים עד שראוים להגאל על ידי זה, על זה בא השבועה שכיון שהקץ לא נגלה וכל זמן שלא עלה ברצונו אין אתנו יודע אם ראוים לגאולה מצידם כנ״ל. וכן אם נתמלא סאתם של האומות העולם שאין הקב״ה נפרע מן האומות עד שעת שילוחה (כמ״ש סוטה ט.), עכ״ד.

**לה.** וז״ל בדברי שאול: הבה נתחכמה לו פן ירבה, והיה כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם בנו ועלה מן הארץ, וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם. והקשה דבודאי ילחמו בם, אך לפענ״ד נראה דהענין הוא כי כבר נודע שזה מטבעי בני ישראל אשר כן הושם לחק עליהם מפי הבורא, אשר לא ימרדו במלכם בהיותם בשבי כל אומה ואומה הם כשה נאלמה, ולדעתי זה שכוונו חז״ל (כתובות קיא.) ששלש שבועות השביעם הבורא ואחת מהם שלא ימרדו באומות, והיינו ״שכן השביעם ונתן להם בטבעם״ שיהיו נכנעים ומקבלים עליהם עול מלכות והגלות באהבה, כאשר האריך הרב הגאון מו״ה אברהם ז״ל אבד״ק עמדין בחיבורו היקר צרור החיים (בחלק קץ הימין), להראות לעיני העמים כח נפש הישראלי, אשר

קינדער יעדן טאג, אידישע קינדער האבן זיך נישט געקענטקיין עצה געבן? מ׳האט נישט געקענט שטעלן א ווידערשטאנד? מ׳האט נישט געקענט מאכן א מלחמה? מ׳האט דאך גע׳הרג׳ט הונדערט פופציג קינדער יעדן טאג, האט מען זיך נישט געקענט קעגן שטעלן?

---

מני אז הלכו בגולה עוד לא נשמע עליהם שמרדו במלכם כי אם ישימו יד לפה יחיל ודומם לתשועת ה׳, עיי״ש דבריו הקדושים והיקרים הנוזלים ממקור האמת והיראה הטהורה, ומעתה כל עוד שהם חפשים היו מתיראים מהם שלא ימרדו בה׳, אבל כל ששמו עליהם שרי מסים ידעו כי יד ד׳ עליהם להיות בגולה עד יום פקד אותם לטוב הם יעמדו עד בוש והם אסירי התקוה.

**וגם** לדעתי מה שאמר שם אח״כ ויהי בימים הרבים ההם וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה וישמע אלקים וגו׳ וירא אלקים את בני ישראל וידע אלקים, והנה המאמר וירא אלקים את בני ישראל לא נודע מה ראה בם, ולפמ״ש אתי שפיר כי באמת בני ישראל לריבויים כי כאשר יענו אותם כן ירבה וכן יפרוץ, א״כ היה בידם ללחום בעד נפשם, ובפרט אחרי כי גם שם עשו בהם שונאיהם כרצונם והיו שוחטים ק״ן ילדים בכל יום כדרשת חז״ל, א״כ מה להם ולחייהם הלא טוב להם מותם מחייהם בעוני וצרות כאלה, ורק כי היו אסירי התקוה כי יוסף אמר להם בעת מותו פקד יפקוד אלקים אתכם, והיינו כי לא יעשו דבר רק שד׳ יפקוד אותם והם שמרו הצוואה הלז, ולכך כשמת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה, לא לבם הולך להקהיל קהלות ולהמתיקן סוד לעמוד על נפשם במלחמה, ורק צעקו לד׳, וזה שכתוב וירא אלקים את בני ישראל והיינו שראה והכיר בהם בתכונתם כי הם בני ישראל, אשר לבם נכון בחוזק בטחון באמונתם כי ד׳ יחוש מפלט להם וידע אלקים וכו׳.

**וזה** לדעתי מה שאמר משה רבינו בשליחותו של הקב״ה וא״ל מי אנכי כי אלך אל פרעה וכי אוציא את בני ישראל מארץ מצרים, ולכאורה יפלא מאד שמשה רבינו יסרב לקול ד׳ אשר שלחו, אך באמת ד׳ אמר לו בתחלה לך ואשלחך אל פרעה והוצא את בני ישראל, והבין הוא כי הקב״ה רוצה שהוא יוציאם בתחבולות אנוש והוא ידע כי בני ישראל מצד טבעם לא ירצו לעשות שום פעולה, וע״ז אמר מי אנכי כי אוציא את בני ישראל, וע״ז השיב לו כי באמת ישראל לא יעשו שום דבר, רק שהקב״ה בכבודו יצילם, וזה שהזהירם משה אח״כ ד׳ ילחם לכם ואתם תחרישון, כי באמת הם לא יעשו דבר רק ד׳ וראה זו פלא כי גם בהיותם בליל שמורים והיו יודעים כי יצאו עוד לא יצאו עד אשר שלחם פרעה, ולו הי׳ בעל המחבר הנ״ל (בעל צרור החיים) עולה על רעיונו כדברים האלה, הי׳ שמח מאוד כי זה מסכים לדעתו. וזה לדעתי מה שתמצא שבכל שופט ושופט טרם מלך מלך הי׳ צריך להעיר אותו שילחם ולבסוף נמצא שידיו היו רב לו, וע״כ משום כל שלא ידע שמותר לו ללחום לא היה מוצא שום כח ואון ללחום, עד שיעירו אותו מן השמים, וגם בשאול בתחלת מלכותו נתיירא מלמלוך וללחום משום שמצד טבע היה כן נטוע בלב, עכ״ד הדברי שאול.

**ער** בלייבט נישט ביי די קשיא, ער ענטפערט א תירוץ. אידן זענען געווען מושבע ועומד פון יוסף הצדיק מען זאל גארנישט טוהן, נאר **פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם** (בראשית נ כה)לו, דער אייבערשטער וועט ענק ארויסנעמען פון גלות, אליינס זאל מען גארנישט טוהן. די צוואה פון יוסף הצדיק האבן זיי געהאלטן, זיי האבן נאר מתפלל געווען צום אייבערשטן אויף א ישועה, און אויף דעם שטייט **וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים** (שם ב כה), אין דעם זכות זענען זיי אויסגעלייזט געווארן פון מצרים.

**גאולת מצרים אין זכות וואס מ׳האט נישט דוחק געווען דעם זמן**

**מען** פארשטייט דאס זייער גוט, מיט א ווארט פונעם **חתם סופר** אין די דרשות אויף פסח (דף רנח.), מ׳ענטפערט פארן בן הרשע **בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה׳ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם** (שמות יג, ח), וואס הייסט בעבור זה? ׳בזכות שציפיתי לישועה׳, אין דעם זכות וואס איך האב געהאפט צום אייבערשטן אויף א ישועה, ׳ולא מיהרתי הקץ׳, - ער דערמאנט דאס אויך - אידן האבן זיך געקענט אין מצרים עפעס אן עצה געבן, נאר אין זכות וואס זיי האבן געהאפט צו די ישועה, און זיי האבן נישט געטון קיין פעולה, זיי זענען נישט געווען אזוי ווי די בני אפרים, בעבור זה עשה ה׳ לי בצאתי ממצרים, **אִלּוּ הָיָה שָׁם**, וואלט דער רשע דארט געווען, **לֹא הָיָה נִגְאָל**. פארוואס? ווייל ער וואלט געווען פון די בני אפרים, און ער וואלט ארויסגעגאנגען פארן קץ, ער וואלט נישט אויסגעווארט.

**זעט** מען קלאר, אז אין זכות שלא דחקו הקץ, מ׳האט נישט מורד געווען אין די אומות, איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

**אין זכות פון ווארטן אויף די גאולה וועט מען אויסגעלייזט ווערן**

**קען** מען פארשטיין וואס דער סמ״ק זאגט, **אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, דו זאלסט גלייבן, זאלסט מקיים זיין

**לו.** ועיין בבעל הטורים שם וז״ל, ובמדרש יש שהשביעם שלא ידחקו את הקץ, כי יוסף ידע את הקץ שיעקב גלה לו.

דעם צפית לישועה, ווייל ״איך״ וועל ענק ארויסנעמען פון גלות פונקט ווי איך האב ענק ארויסגענומען פון מצרים, אין זכות וואס עטס האט אין מצרים געהאפט אויף די ישועה, און פונקט ווי אין מצרים האט עטס זוכה געווען ארויסצוגיין פון גלות אין זכות ווייל מ׳האט נישט מורד געווען אין די אומות, מ׳האט געהאפט אויף די ישועה פון הקב״ה, אזוי אויך לעתיד וועלן מיר אלע זוכה זיין ארויסצוגיין פון גלות אין זכות פון ׳נטרונא׳ (ילקוט בא קצא), ווי דער **מגן אברהם** זאגט אין זיין פירוש **זית רענן** לז.

## ירבעם בן נבט איז ארויסגעקומען פון די בני אפרים ווייל זיי האבן עובר געווען אויף די שבועות

**און** מ׳קען אפשר זאגן נאך, פונקט ווי אין גלות מצרים, ווען די בני אפרים האבן ממהר געווען דעם קץ, זיי זענען ארויס געגאנגען פריער, איז ארויס געקומען פון זיי ירבעם בן נבט (כנ״ל בחת״ס), אזוי אויך אין די גאולה העתידה, די וואס וועלן דוחק זיין און ממהר זיין ארויסצוגיין פון גלות, פון זיי וועט אויסשטייגן א ירבעם בן נבט וואס זיי וועלן מחטיא זיין את הרבים בכפירה בה׳ רח״ל לח.

---

**לז.** איתא בילקוט (פ׳ בא רמז קצ״א) מי פורע לכם ממדי מרדכי ואסתר, מי פורע לכם מיון, בני חשמונאי, מי פורע לכם ממלכות רביעית, נטרונא, והיה לכם למשמרת, אל תאכלו ממנו נא, לא תבעוניה מהבהבה, ופי׳ שם בזית רענן מהמג״א, נטרונא, שצריכים לשמור ולהמתין, לא תבעוניה מהבהבה, אל תבקשו לאכול אותם בהבהוב, כלומר שאינו צלוי כל צרכו, עכ״ל, ורבינו מביאו בהקדמת ספה״ק ויואל משה (עמוד ח׳) וכתב שם בל״ק: ומבואר בזה שאין לנו עכשיו זכות אחר לצאת מן הגלות אלא אותו הזכות לשמור ולהמתין שלא לאכול ח״ו ושלא להנות מגאולה כזאת הבאה קודם הזמן, ואם כן כל אותם הלוקחים חבל בהם ובממשלתם ואוכלים עמהם מהתועבה הנעשית נגד האזהרה של אל תאכלו ממנו נא, הן המה המעכבים את הגאולה, עכ״ל. ועיין עוד במאמר שלש שבועות סימן מ״ג.

**לח.** עיין ויואל משה (מאמר א סוף סימן ע״ה) וז״ל: והחוש העיד בכל אלו הדורות שכל אותן שהלכו במחשבה זו ליקח ממשלה וגאולה מעצמם קודם ביאת המשיח נעשו אח״כ מינים ואפיקורסים לגמרי, כי כח המינות נשרש בזה, עכ״ד.

# פרק ח׳

## האומה הישראלית

### די תורה פאראייניגט אידישע קינדער אין די גאנצע וועלט

**ביי** די אומות העולם איז דא א געוואלדיגע תאוה פון לאומיות, וואס מ׳רופט עס נאציאנאליזם. יעדע אומה ולשון וויל זיין א פרייע פאלק אין זיין לאנד, אן א שיעבוד צו א צווייטע אומה, ער וויל האבן א לאנד, א שפראך, א מיליטער, מיניסטארן, שרים, שופטים, מחוקקי חוקים, און אזוי אלעס וואס א לאנד האט.

**ביי** מתן תורה האט דער אייבערשטער געזאגט (דברים כז ט) **הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם**, אין טאג פון מתן תורה ביסטו געווארן א פאלק, אזוי ווי **רב סעדיה גאון** זאגט (אמונות ודעות מאמר ג אות ז) **אין אומתינו אומה אלא בתורתה**, אונזער פאלק איז נישט קיין אומה נאר מיט די תורה, די תורה הקדושה איז מאחד אלע אידן אין די גאנצע וועלט[לט].

**ס׳איז** דא אידן בירגער אין אמעריקע, ס׳איז דא אידן בירגער אין ענגלאנד, ס׳איז דא אידן בירגער אין פראנקרייך, און ס׳איז דא אין דייטשלאנד, ס׳איז דא אידן אין טערקיי, ס׳איז דא אידן אין נאך פארשידענע מדינות, ס׳איז דא אידן אין ארגענטינע, אין אויסטראליע, איבעראל איז דא אידן, מ׳קען שוין זיין אידן-בירגער דורי דורות, הונדערטער יארן תושבים פון א מדינה, זיי זענען

**לט.** ועיין עוד בחידושי תורה למוסדות החינוך (פ׳ פינחס תשי״ט עמוד רו) שהאריך בזה רבינו בענין שפה הטמאה וז״ל שם: וחוץ מכל הנ״ל ברור כי תכלית כל השפה הזאת אצל כל המפלגות וארגאניזאציעס שלהם מן הקצה אל הקצה מן השמאל ועד הימין - אשר בזה כולן שוין יחד לרעה - הוא רק דבר אחד והוא ״ציוניזים״, ופירוש של ציוניזים הרי הוא ״נאציאנאליזם״, דהיינו שעל ידי השפה והציוניזם נעשים לעם, זאת אומרת שעל ידי זה יהיו נחשבים ליהודים, וזהו היפך דעת תורתינו הקדושה, דעל פי התורה אינו נכלל בכלל ישראל אלא מי שמתנהג בדרכי התורה ומקיים מצותיה, דאין אומתינו אומה אלא בתורתה כנודע, עי״ש.

בירגער פון יענע לאנד, אבער עם כל זה, זענען זיי איין פאלק מיט אלע אידן אין די גאנצע וועלט, ווי אזוי קען דאס זיין? ווייל די תורה הקדושה איז מאחד דעם איד פון איין זייט וועלט, מיט א צווייטן איד פון די אנדערע עק וועלט, און מאכט אונז פאר איין פאלק.

### די קדושה פון די תורה איז נישט געוואנדן אין ארץ ישראל

**די תורה הקדושה האט מען געגעבן פאר אידישע קינדער אין מדבר, נישט אין ארץ ישראל און נישט אין א מקום ישוב, צו ווייזן אז די תורה הקדושה איז נישט תלוי נישט אין ארץ ישראל, און נישט אין קיין שום מקום אין קיין שום לאנד**[מ].

**אין יעדע מדינה זענען דא בירגער פון פארשידענע גלויבן׳ס,** מ׳דארף נישט אויסרעכענען, דא אין אמעריקע איז דא מענטשן וואס געהערן צו פארשידענע גלויבן׳ס, אבער אלע זענען בירגער פון אמעריקע, בירגער פון דעם זעלבן לאנד. דאס זעלבע אין ענגלאנד קען זיין פארשידענע רעליגיעס, אבער ער איז אן ׳ענגלענדער׳ לכל דבר. כלל ישראל איז אנדערש, **כלל ישראל איז**

---

**מ.** ועיין מה שכתב החתם סופר (פ׳ שלח עמוד עד) על דברי רש״י ד׳ כנפות של ציצית נגד ד׳ לשונות של גאולה, והיינו (שמות ו ו) והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים, והצלתי אתכם מעבודתם, וגאלתי אתכם בזרוע נטויה ובשפטים גדולים, ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים שהוא מתן תורה, וזהו תכלית הטובה ביציאת מצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה, והעושה ג׳ ציצית יורה כי אין מתן תורה תכליתו כי אם הגאולה והפדות לבד והרי הוא ככופר, אמנם יש עוד לשון חמישי והבאתי אתכם אל הארץ, והעושה ה׳ ציצית עובר בבל תוסיף, שלא יאמר כי התכלית הוא החמישי והבאתי אתכם אל הארץ שהוא תכלית כל ולא קבלת התורה, על כן אסור לעשות ה׳ ציצית, כי עיקר התכלית ולקחתי אתכם לי לעם ולא והבאתי אתכם אל הארץ, עכ״ד.

**ועיין במטיב שיר להנצי״ב** (שיר השירים א ו) וז״ל: ואמר כרמי שלי בכפל לשון, ללמד כי אין הכוונה בכרמי מדינה שלי, היינו ארץ ישראל, אלא שלי, היינו עצמיות המיוחד לי, כי משונה לאום ישראל מכל הלאומים, דצורתם המיוחד ושמירת לאומם המה בתורה ומעשים טובים, ולא בארצם ומלכותם ככל הלאומים, וזהו דבר מלאכי הנביא (מלאכי ג יב) ואשרו אתכם כל הגוים כי תהיו אתם ארץ חפץ, ולא המדינה, עכ״ל.

**תלוי בשמירת התורה**, אויב א איד חלילה שמד׳ט זיך אפ, אדער ער האט חתונה מיט א גוי׳טע רח״ל, זענען די קינדער ׳גוים׳, זיי זענען מער נישט קיין אידן, אפילו דער טאטע איז א ׳בירגער׳ פון אידישן פאלק, זענען די קינדער אויס אידן.

### דער ציל פון ציונות: ככל הגוים בית ישראל

**׳ציונות׳** זאגט דאס פארקערטע. **ציונות מאכט ככל הגוים בית ישראל**, בירגער פון מדינת ישראל זענען האלבע אידן, פערטל אידן, גאנצע גוים! אבער ׳בירגער פון מדינת ישראל׳, אפילו פון אנדערע רעליגיעס [הם מחשיבים עצמם כיהודים].

**און דאס האבן שוין געזאגט די פריערדיגע צדיקים, בפרט הגאון הצדיק דער מהרש״ב ז״ל פון ליובאוויטש**[מא], אז ציונות גייט

---

מא. באגרות מהרש״ב (ח״א סי׳ קכב) ובקונטרס ומעין מבית ה׳ (דף 45) בתוך שיחה ארוכה של המהרש״ב וז״ל: אנו רואים עין בעין אשר כל מגמתם ועמלם הוא לעשות ועושים הנחה אצל עם ישראל, אשר כל ענין התורה והמצות הם רק עצה להחזיק את הקיבוץ, ולא חובת הגוף, אשר רעיון זה בנקל שיונח אצל צעירי עמנו, שהמה כלים מוכנים לרעיון כזה, וכשמתאמת אצלם הרעיון הזה ממילא נעשו בעיני עצמם פטורים לגמרי מהתומ״צ, בחשבם שא״צ להעצה, ובפרט כשיש אצלם עצה אחרת במה להחזיק את הקיבוץ, ומסבירים לעצמם דאילו יצוייר אם הי׳ רק יהודי א׳ בעולם, א״צ לקיום התומ״צ, רק באשר שיש רבים יוסף ה׳ עליהם צריכים לתומ״צ לעצה בשביל קיום חברתם, ועתה הלאומיות מחליף את מקום הדת והיא העצה להחזיק קיום החברה.

**ואחרי** הנחה זו הנה הנכנס בחברת הציונים, איננו חושב את עצמו למחויב כלל בקיום התומ״צ, וממילא אין לקוות שגם לעת מן העתים ישוב אל התומ״צ, וגם אם תכתוש אותו במכתשת לא ישוב בתשובה, באשר לפי חשבונו הוא יהודי כשר, אחרי שהוא ״לאומי נאמן״.

**הרי** ברור הדבר על יסודות הגיונים אשר רעיון הציוני לא רק שלא קירב את שהיו רחוקים מישראל, והרחיקום יותר ויותר, אלא עוד העבירו ר״ל יהודים כשרים מדעתם לעקור מלבם כל ענין קדושת התורה, האמונה בה׳, קיום מצות מעשיות, בזה שלקחו מאתם את הנחת חיוב התומ״צ לגמרי, ומשרישים בלבם שבהלאומיות המה יהודים גמורים, וממילא הנה כל הנלכד בשחיתותם ואביזרייהו, יורד שאול, ואין תקוה ח״ו לאחריתם. הציונים כמובן הראשים והקטנים בלי דעת נמשכים אחריהם הנה בכוונה גדולה בערמה ובמרמה ובתחבולות רשע עשו ועושים את

משנה זיין דעם מהות פון כלל ישראל[מב], א בריה חדשה, מאכן אזא נייע זאך, א 'נאציאנאלער איד', אן א קשר צו די תורה, דאס איז א כפירה אין דעם מהות פון עם ישראל - ווי מיר האבן דערמאנט - **היום הזה נהיית לעם**, אידישע קינדער זענען א פאלק דורך די תורה, נאר דורך די תורה איז מען א איד, און נישט מיט א לאנד און מיט א שפראך.

מעשיהם הרעים, להטעים באלפי מאמרים וברבבות פתגמים לוקחי לב, בשפת יהודית ועברית ובשפת המדינה את ההנחה העקרית שלהם, כי כל ענין היהדות הוא הלאומיות. ועי"ע שם אגרת סי' קנ"ד.

**מב.** ענין הכפירה שיש ברעיון הלאומיות והרעיון של שינוי המהות של כלל ישראל מבואר גם בכתבי הגאון רבי **אלחנן וואסערמאן** זצ"ל הי"ד בסוף ספרו קובץ שיעורים, ובמאמר **עקבתא דמשיחא** (אות כט).

# פרק ט'

## עיכוב הגאולה

### די גאולה איז געווארנדן אין די אונטערגאנג פון די 'מלכות הזלה'

**מ'דארף** דערמאנען, ציונות און הקמת מדינת ישראל האט אין זיך **עיכוב ביאת מלך המשיח - פשוט איבערגעטייטשט - ס'האלט אויף ביאת מלך המשיח**, אזוי ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף צח.) **אין בן דוד בא עד שתכלה מלכות הזלה מישראל**, ווי רש"י זאגט אז אידישע קינדער וועלן נישט האבן קיין שום שלטון[מג].

**יעדן טאג וואס די מדינה שטייט, יעדן טאג וואס די מדינה עקזיסטירט, איז דאס א עיכוב פאר ביאת מלך המשיח!**[מד] דאס איז אויסער די עניני התגרות באומות וואס ברענגט אריין אין

---

**מג.** זה לשון רש"י, שלא תהא להם שום שולטנות לישראל, אפילו שולטנות קלה ודלה. ועיין בדברי יואל מכתבים (מכתב סט) מה שכתב רבינו חודש ימים לפני התייסדות המדינה וז"ל: ועכשיו אנו מבינים מה שמבואר בגמרא (סנהדרין צח.) א"ר חמא ב"ר חנינא, אין בן דוד בא עד שתכלה מלכות הזלה מישראל, שנאמר וכרת הזלזלים במזמרות, ופירש"י ז"ל שלא תהא שום שולטנות לישראל אפילו שולטנות קלה ודלה, שלכאורה צריך להבין הלא אף ממשלה קלה ודלה שבישראל אם הוא בדרך תוה"ק יש בה חשיבות, ואם דל הוא אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין וכו', ולמה קראוהו בלשון זלה שהוא לשון גנאי מאוד, היה לקוראה בלשון קלה ודלה שאינו גנאי כל כך, ולא לגנותם בלשון זלזול, אבל עכשיו אנו רואים באמת מלכות הזלה שהיא ממשלה של מינות וכפירה ר"ל, שזהו באמת זלזול גדול לכלל ישראל וחירוף וגידוף נגד השי"ת ותורתו הקדושה אשר לא היתה כזאת מעולם בכח הס"מ וגירא דיליה, ויפה קראוהו מלכות הזלה, עכ"ד.

**ועיין** ויואל משה מאמר א' סימן ס"ח, והקדמה עמוד ח, ובדברי יואל פ' וישלח עמוד קעה, וביוה"כ עמוד שכט, ובעל הגאולה ועל התמורה בהקדמה עמוד כ.

**מד.** עיין דברי יואל (יוהכ"פ אות כג) מה שאמר רבינו בדרשה לפני נדרי וז"ל: ואני מכריז ומודיע ביום קדוש הזה ובמקום קדוש הזה ובספר תורה שבידי, שברור בעיני דלולא אותה הגאולה חשיכה ומרה שנטלו להם הכופרים בארה"ק בזרוע בשר, מכבר היינו עומדים אחר הגאולה שלימה, וכבר היינו פטורים מכל הצרות,

א סכנה אלע אידן וואס זענען אין די גאנצע וועלט, און זיי זענען נישט חושש אויף דעם.

### אלע וואס זענען זיך משתתף אין די מלכות המינות האבן א חלק אין מעכב זיין די גאולה

**קומט** אויס אזוי, ווער ס'האט א קשר מיט זיי, ווער ס'האט א שותפות מיט זיי, ווער ס'האט זיך אנגעשלאסן אין א קאאליציע מיט זיי, ווער ס'פירט די מדינה מיט זיי, אדער ער געט זיי חיזוק, **אדער אפילו ער פריידט זיך מיט זייער הצלחה**[מה], האט אויטאמאטיש במחשבה א קשר מיט די מעכבים פון ביאת המשיח, און אז ער האט א קשר מיט זיי, איז ער אויך פון די מעכבים ביאת המשיח.

### ווייאיז פאר די בושה וואס וועט זיין לעתיד

**ס'וועט** קומען א זמן, דער אייבערשטער וועט זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל, ער וועט ארויסנעמען אידישע קינדער פון גלות, וועט מען זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו. יעדער איד וועט קענען אדורכגיין דעם מלך המשיח און געבן שלום פארן מלך המשיח, דער מלך המשיח וועט פרעגן אזא איד, **דו האסט מיך אויפגעהאלטן! דו האסט גורם געווען איך זאל נישט קומען, איך זאל מיך אזוי פארזוימען!** דו ווען דו האסט געהאט דעם קשר מיט די מעכבים פון ביאת המשיח, האסטו דיך אנגעשלאסן מיט זיי! ביזט אויך געווען פון די מעכבים פון ביאת המשיח!, **אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלימה!** (לשון הגמרא ב"ב עה.), **מ'וועט זיך שעמען צו קוקן דעם מלך המשיח אין פנים!**

---

ורק דין גרמא דעציראה שעל ידי זה נתעכבה הגאולה האמיתיות על ידי שלקחו להם גאולה לפני הזמן וכו' ועל ידי זה נדחה הגאולה האמיתית בעוה"ר, עכ"ל. ועיין ויואל משה הקדמה (עמוד ח), ובקונטרס על הגאולה ועל התמורה בהקדמה (עמוד כ), ובדברי יואל הושענא רבה (אות נט).

מה. עיין על הגאולה ועל התמורה בסימנים הראשונים.

**מ'זאל זיך קענען פרייען מיט די גאולה אז מיר האבן נישט צוריקגעהאלטן**

**דער** פעטער ז"ל האט געזאגט (דברי יואל פ' וישלח עמוד קצב) אז דאס זאגן מיר (בברכת אהבה רבה) **נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ**, מ'זאל מיר זיך פרייען מיט די ישועה, מ'זאל זיך נישט דארפן שעמען פארן מלך המשיח.

**בעזר שמו יתברך, די אלע וואס זיצן דא אין דעם זאל, און די אלע הקרובים לנו ולמחנינו, מיר וועלן זאגן פארן מלך המשיח, מיר האבן נישט געהאט קיין חלק ונחלה מיט די מעכבים פון ביאת מלך המשיח!**

# פרק י׳

## תכלית שנאה שנאתים

### האבן א צער פון טיפעניש פון הארץ מיט די צער השכינה

**דער** פעטער ז״ל טייטשט (דברי יואל שבת שובה אות כה עמוד רעה), **וואס** ס׳שטייט אין פסוק **בְּגוֹי נָבָל אַכְעִיסֵם** (דברים לב, כא), און דער מדרש (ספרי שם) זאגט וואס מיינט **בגוי נבל? אלו המינים, זאגט ער** פארוואס שטייט אכעיסם? ווייל מ׳דארף זיך רעגן, מ׳דארף זיין בכעס, ס׳דארף וויי טאן מעשיהם הרעים. מ׳דארף שפירן אין הארץ, **כעס! און יסורים! און עגמת נפש!** און אויב מ׳שפירט נישט, ס׳טוט נישט וויי, מ׳איז נישט גערעגט, איז נישט קיין גוטער סימן, ס׳איז א סימן אז מ׳איז זיך נישט מצטער בצער השכינה, וכל שכן מען זאל זיך נישט פרייען מיט זייערע מעשים, און הנאה האבן אפילו בלב.

### אידן זענען זיך מצטער מיט די עלבונה של תורה

**ס׳איז** שוין אויסגעקומען צו טייטשן (במסיבה למוסדותינו במאנסי ער״ח סיון תשע״ח), וואס די משנה זאגט אין אבות (פ״ו מ״ב) **בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב,** און ס׳רופט אויס **אוי להם לבריות מעלבונה של תורה.** א רמז אז דאס איז נישט קיין גנות פון כלל ישראל, נאר ס׳איז א שבח פון כלל ישראל. יעדן טאג גייט ארויס א בת קול און טוט זיך אויף מיט אידישע קינדער, אוי להם לבריות, ס׳טוט זיי וויי דער ׳עלבונה של תורה׳, דאס איז בגוי נבל ׳אכעיסם׳ [אלו המינים], אידן זענען גערעגט! ס׳טוט זיי וויי עלבונה של תורה!

### בני איפה אתם! זו מיתת צדיקים!

**מ׳דארף** שרייען מקירות הלב! ס׳טוט זייער וויי וואס איך דארף יעצט זאגן. מ׳האט מיטגעהאלטן די וועלט׳ס נייעס אין די לעצטע צוויי חדשים [על העברת האמבאסאדע של ארה״ב לעיה״ק

ירושלים תובב״א]. איכה נהייתה הדבר הזה??! אז ס׳זאל זיך טרעפן אויך תלמידים חסידים פונעם פעטער ז״ל, שומעי לקחו, די וואס האבן געהערט, זאלן דאס נישט פארשטיין??!, ווען מ׳קומט זיך צוזאם און איינער פארציילט פארן צווייטן, מ׳רעדט בפה מלא תהלה פון די גבורות, פון די הצלחות און זייערע פעולות, אין איש שם על לב! איך ירדנו פלאים?! סאטמארער חסידים! א געוואלדיגע ירידה, א ירידה נוראה! ס׳שרייט זיך אויס פון הארץ, **אייכם? וואו זענט עטץ? אין וועלכן עולם געפינט עטץ זיך?**

**דער** פעטער ז״ל אין **דברי יואל** אין א דרשה שבת שובה (בדרוש הנ״ל), זאגט, זיך צו פרייען מיט זייערע הצלחות, הנאה האבן פון דעם, דאס איז א ׳מכה אשר לא כתובה בתורה׳ מו.

**האב** איך געקלערט, ס׳איז דא א מדרש (עיין איכ״ר פ״א סל״ז, הובא ביערות דבש ח״א דרוש ח) **מכה אשר לא כתובה בתורה, זו מיתת צדיקים.** אויב מ׳קומט אן צו אזא מדרגה, אז מ׳פריידט זיך פון די מעשי הרשעים, מ׳האט הנאה פון מינים און אפיקורסים, דאס איז ״מכה אשר לא כתובה בתורה זו מיתת צדיקים״! אויף דעם דארף מען אויסשרייען, **נח נפשי׳ דרבי!! דער רבי איז נסתלק געווארן!! דאס איז הסתלקות צדיקים!! יעצט איז דער רבי נסתלק געווארן!!** מז. - ווייל כל זמן מ׳גייט אין זיינע דרכים, מ׳געדענקט

---

**מו.** וז״ל רבינו שם בדברי יואל (שבת שובה עמוד רעח ד״ה ומעתה) ומה שאירע גם זאת שנהנין עוד מזה, זהו כבר מכה אשר לא כתובה בספר התורה, כי התוה״ק לא רצתה לומר מרירות כזה שיהיה מלכות המינות בישראל ויהיו שמחים עוד עמה, עכ״ד.

**מז.** וז״ל רבינו בדברי יואל (פ׳ וישלח עמוד קעה) אמרו חז״ל במד״ר עה״פ והפלה ה׳ את מכותך וגו׳ גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת וגו׳ זו מיתת צדיקים, שנאמר ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר, ולכאורה כיון שלמדוה רז״ל מרמז הכתוב, אם כן אין זה מכה אשר לא כתובה בתורה. אך ביאור הענין על פי מה שאמר דוד המלך (יבמות צו:) עה״פ (תהלים סא ה) אגורה באהלך עולמים, שאם אומרים שמועות מצדיקים הקודמים אז נחשבים כאילו הם בחיים אתנו ולא נסתלקו מן העולם, וכן אמרו חכז״ל (בבא בתרא קטז.) כל המניח בן כמותו כאילו לא מת וגם התלמידים נקראים בנים, וממילא כל זמן שאומרים שמועותיהם

זיין תורה וואס ער האט אונז געלערנט, איז שפתותיו דובבות בקבר, לעבט ער מיט אונז, ער איז נחשב געווען בין החיים - אזוי ווי מ'האט נאכגעזאגט פריער דעם ישמח משה.

### ציונות איז מטמא במגע במשא ובדיבור

**כפי** השמועה ששמעתי, זענען דא אזעלכע וואס רעדן איבער די נייעס מיט אן התפעלות, אין די גדולת הצלחות פון זיי, ווי קלוג זיי זענען, ווי אויסגעהאלטן אין פאליטיק זיי זענען, דאס מיליטער, די ראשי הממשלה, דארף זיך ארויסשרייען **געוואלד! געוואלד!** וואו איז מען אנגעקומען?!! **תלמידי רבינו! אייכם? וואו זענט עטץ? איה בינתכם? וואו איז אייער שכל? וואו איז אייער פארשטאנד?** מיר דארפן אליינס פארשטיין, אונז דארף מיר דאס וויסן! אין לנו חלק ונחלה בציונות, אונז האב מיר נישט קיין חלק ונחלה אין זייערע מלחמות, אונז האב מיר נישט קיין חלק ונחלה מיט מדינת ישראל, מדינת ישראל איז אבי אבות הטומאה, ס'איז מטמא במגע במשא ובדיבור, וואס מען רעדט.

---

ומתנהגים בדרכיהם לא נסתלקו עדיין, ורעיון זה מבואר בגמרא (ברכות מב:) כי נח נפשיה דרב אזלו תלמידיו בתריה, כי הדרי אמרו ניזול וניכול לחמא אנהר דנק, בתר דכרכי יתבי וקא מיבעיא להו וכו' לא הוה בידייהו, קם רב אדא בר אהדר אהדר קרעיה לאחוריה וקרע קריעה אחרינא אמר נח נפשי' דרב, (פירש"י להראות אבל עכשיו כיום המיתה על שהיו צריכים להוראה ואין יודעין להורות), ובזה יובן דברי הגמרא הנ"ל בדרשת הכתוב ואבדה חכמת חכמיו, שכל מה שאמרו הצדיקים הקודמין כבר נאבדה חכמתם בעוה"ר ואין משגיחין על דבריהם, עכ"ד.

# פרק יא

## ירושלים: יראה שלם

### די הייליגע שטאט ירושלים האט נישט קיין שייכות מיט די ציוני'סטישע מדינה

**ירושלים** איז 'עיר הקודש', ירושלים איז מקודשת מאז ומקדם, דער מדרש זאגט (ב"ר פנ"ו ס"י) פארוואס הייסט עס ירושלים? שם בן נח האט עס א נאמען געגעבן שלם [ומלכי צדק מלך שלם (בראשית יד יח)], אברהם אבינו האט עס א נאמען געגעבן יראה [אשר יאמר היום בהר ה' יראה (שם כב יד)]. האט הקב"ה געזאגט, ווי אזוי איך וועל עס רופן וועט דער צווייטער האבן אן הקפדה, וועל איך עס רופן מיטביידע נעמען, 'ירושלים' איז צוזאמענגעשטעלט 'יראה' מיט 'שלום' [שלום זה תורה (במ"ר פי"א ס"ז)]. דאס איז 'תורה' מיט 'יראה' מח.

מען דארף וויסן, ירושלים האט נישט קיין שייכות צו מדינת ישראל! פונקט פארקערט, דאס איז מנגד דעם גאנצן מהות

---

**מח.** וראוי להעתיק כאן דברי רבינו ז"ל בברך משה (פ' בלק עמוד ריח) לבאר מה דאיתא במדרש (ב"ר פנ"ו ס"י) ויקרא אברהם שם המקום ההוא ה' יראה, אברהם קרא אותו יראה, שם קרא אותו שלם, שנאמר (בראשית יד יח) ומלכי צדק מלך שלם, אמר הקב"ה הריני קורא אותו ירושלים כמו שקראו שניהם יראה שלם. ולכאורה יקשה דהלא שם בן נח היה קודם אברהם אבינו, ואם כן היה ראוי להקדים את השם שנתן לו שם בן נח ולקרוא את המקום שלם יראה.

אך י"ל כי שם בן נח קרא את המקום של"ם, לרמז כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים, והתורה נקראת שלום, כדאיתא במדרש (במ"ר פי"א ס"ז) שלום זה תורה, שנאמר (תהלים כט יא) ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום. ואברהם אבינו קרא שם המקום ירא"ה, להורות כי במקום הזה יושפע יראת שמים בלבות בני ישראל. והנה מקרא מלא דיבר הכתוב (תהלים קיא י) ראשית חכמה יראת ה', וצריך שתהא יראתו קודמת לחכמתו, ולכן הקדים הקב"ה יראה לשלם וקרא שם המקום ירושלים, להורות כי יראת שמים הוא העיקר וצריכה שתקדים לתורה ולכל מעלות ומדות טובות, עכ"ד.

פון מדינת ישראל, און מדינת ישראל איז מנגד יעדעס ענין פון 'יראה' מיט 'תורה'.

**אודאי** ארץ ישראל איז ארץ הקודש, מ'דארף אבער האבן דעת להבדיל צווישן 'ארץ ישראל' מיט 'מדינת ישראל', ורבים חללים הפילה וואס האבן נישט געהאט דעם דעת, און זיי זענען נאכגעשלעפט געווארן צו ציונות.

**מיר האבן נישט קיין חלק אין די ציוני'סטישע מדינה**

**דאס עצם הקמת מדינת ישראל און כיבוש ירושלים, דאס איז קעגן די תורה, און אונז שרייען מיר אויס דא במעמד אלפי ישראל:** מיר האבן נישט קיין חלק ונחלה אין זייער שמחה, מיר האבן נישט קיין הנאה פון דעם! אונז נעם מיר נישט קיין שום תמיכה פאר מוסדות התורה פון זיי, נישט חינוך הבנים און נישט חינוך הבנות, מיר זענען זיך נישט משתתף אין די בחירות צו די טמא'נע ממשלה, **אפילו צו מאכן גוטע חוקים! און אפילו דורך ערליכע 'נציגים' אויך נישט!** מיר זענען נישט מכיר אין זייערע חוקים.

# פרק יב

## התבדלות במחשבה ובדיבור

### זיך אינגאנצן אפשיידן פון זיי און חלילה נישט רעדן בשבחם

**מיר** רופן אויס לכל יראי ה׳, זיך אפצושיידן מהם **מכל וכל**, מקיים צו זיין (תהלים קלט כא) **מְשַׂנְאֶיךָ ה׳ אֶשְׂנָא**, נישט נאר ׳צו זאגן׳ משנאיך ה׳ אשנא, נאר עס מקיים זיין בפועל. מרגיש צו זיין אין הארץ א שנאה צו ציונות, א שנאה לכל המסתעף מזה, און חלילה צו רעדן בשבחם אין זייערע הצלחה.

**פונקט** ווי מ׳טאר נישט רעדן אין שבח פון עבודה זרה, און אויף דעם שטייט אין פסוק (דברים יב, ג) **וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם**, אז מ׳דארף עס אנרופן א שם גנאי[מט], אז מ׳רופט עס אן א שם גנאי, גייט אריין אין הארץ א גנאי פאר עבודה זרה, און דורכדעם איז מען

---

**מט.** כמבואר בגמרא (עבודה זרה מו.). וכן ביאר מרן רבינו שליט״א באריכות בסעודת נעילת חג השבועות דהאי שתא וזל״ק: די גמרא זאגט אין מס׳ עבודה זרה (דף מו.), ואבדתם את שמם מן המקום ההוא (דברים יב ג), וואס הייסט ואבדתם את שמם מן המקום ההוא, אז אויב מ׳רופט די עבודה זרה [ביז יעצט] א שיינעם נאמען, דארף מען דאס רופן א מיאוס׳ן נאמען. לכאורה, דאס הייסט ״ואבדתם את שמם מן המקום ההוא״? די עבודה זרה עקזיסטירט דאך, עס איז דא, און אז דו רופסט עס מיט א מיאוס׳ן נאמען איז שוין ״ואבדתם את שמם מן המקום ההוא״? א פלא פון א זאך. (עיין שו״ע יו״ד סימן קמ״ו סט״ו).

**נאר**, זעט אוים אזוי, אז מען רופט עס אויף א שיינעם נאמען, איז עס די היפך פון ״אבד תאבדון״, און אז מען רופט עס מיט א מיאוס׳ן נאמען איז דאס ״ואבדתם את שמם״, ׳דאס׳ מיינט ואבדתם את שמם. קודם ביי דיר אין הארץ זאלסטו עס רופן מיט א מיאוס׳ן נאמען, וועט זיין ״ואבדתם את שמם״, דאס איז די מצוה פון אבד תאבדון, נישט צו רופן מיט א שיינעם נאמען, ווי געלונגען און פעהיג דאס איז. ס׳שטייט נישט אז אויב עס איז מיאוס טאר מען נישט זאגן אז עס איז שיין, נאר אפילו לאמיר זאגן אז ס׳איז באמת שיין, טאר מען נישט זאגן אז ס׳איז שיין, מ׳דארף עס ממאס זיין און רופן מיט א מיאוס׳ן נאמען.

**והמקום** להעתיק כאן מה ששמענו מפי כ״ק מרן רבינו שליט״א תחת אחד השיחים שסיפר, כי בשנת תשכ״ג כאשר ביקר הפויבסט לראשונה

ממאס אין די עבודה זרה, ווייל אפילו א מחשבה קלה אין מינות איז פוגם![נ], מען דארף מכנה זיין די גאנצע מדינה, מיט אלע שרים און אלע אפיצירן, מכל וכל, מקטן ועד גדול, א שם גנאי, און שפירן א שנאה, א מיאוס, זיי ממאס צו זיין בדיבור בלב ובמחשבה, ווייל א פגם אין מינות איז זייער הארב און ס'איז שטארק פוגם.

בארץ ישראל, וכולם דברו מזה, והציונים כדרכם עשו מזה עסק גדול. ובעת ההוא זכיתי להיות בבית כ"ק מרן דו"ז זללה"ה והיה נראה וניכר על פניו גודל הכאב של התחברות שני ראשי קליפות הללו, ואמר אז בלשון קדשו על מה שעשו הציונים עסק ממנו 'וואו ער לייגט נאר אראפ די לאפע איז ביי זיי א חשיבות'..., וראו כי הזכיר את ראש הטומאה בלשון גנאי, כמו שמדברים מרגלי בהמה, כדי לגנות את העבודה זרה.

**נ.** ז"ל רבינו בספה"ק ויואל משה (הקדמה עמוד ז) וענין שיש בו מינות וכפירה ר"ל זה ודאי פוגם אף במחשבה, כי מינות חמור מעבור זרה, עי"ש. ועיין בעל הגאולה ועל התמורה (אות עא) וז"ל: ובעת הנסיון הגדול הזה כל אחד ישים נפשו בכפו ויבדוק פנימיות לבו וישגיח על דיבורו, כי בדיבורים האלה תלויים עיקרי האמונה, ויש אובד עולמות בשעה אחת ובדיבור קל. וזה שאמר ויקשב ה' וישמע, כי רק הוא יודע פנימיות הלב, ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו, דייק לומר ולחושבי שמו, כי בעבודה זרה מענישין גם על מחשבה, כדאמרינן בקידושין (דף לט:) דכתיב למען תפוש את בני ישראל בלבם, וכל שכן במינות דגרוע מעבודה זרה ועיקרה במחשבת הלב ודאי שמענישין על המחשבה, ויכתב בספר הזכרון לא רק הדיבור, כי אם גם במחשבה המסותרת, וצריך להשמר בזה, עכ"ד. וע"ע בדברי יואל (פ' וישלח עמוד קעז) מי היה יכול לצייר בשכלו שימצאו בני ישראל שיחשבו ויאמינו שעל ידי כופרים ומסיתים ומדיחים יבא ישועה לישראל, ומי שחושב כן הרי הוא מין וכופר, ה' ישמרנו מהם ומהמונם, וכל רגע שיש בו מחשבה זו בודאי נתפס באותו רגע למינות וכפירה ל"ע, עכ"ד. ועיין בברך משה (פ' וארא עמוד לח) לפרש נוסח התפילה וכל המינים כרג"ע יאבדו, כי על ידי רגע אחת של מינות יכולים להאבד ולהנתק משורש הקדושה חלילה, עכ"ד.

# פרק יג

## מלחמה לה׳ בעמלק

### לוחם זיין קעגן די גזירות פון עקירת הדת

**מיר זאגן צו** - בשם כל הקהל הקודש הזה - מיר ווען ממשיך זיין לוחם צו זיין מלחמת השם קעגן ציונות בכל לבושיה, און מיר וועלן לוחם זיין קעגן אלע גזירות וואס זיי זענען גוזר אויף אחינו בני ישראל, תושבי ארץ הקודש, זאל עס זיין גיוס **בנות**! זאל עס זיין גיוס בני ישיבות! זאל עס זיין **ניתוחי מתים**! **חיטוטי שכבי**! **חילול שבת**! **תכנית הליב״ה**! וואס ס׳זאל נאר נישט זיין!

**די שרעקליכע גזירת גיוס וואס ווארט אפ די אידן אין ארץ ישראל**

**אונז** האב מיר נישט פארגעסן אז ביז דריי חדשים לויפט אפ דער סדר וואס איז ביז יעצט, פון גיוס **בני ישיבות**, ממילא איז חל א פרישער סדר, א פרישער געזעץ, אז אלע בני ישיבות און אלע אינגעלייט, דארפן גיין אין דעם טמא׳נעם מיליטער. ס׳שוועבט א **שווערע גזירה אויף אלע בני ישיבות בארצינו הקדושה**. דאס מיינט גאנץ פשוט אפצושפארן חלילה אלע ישיבות, אלע כוללים, און זיי אריינעמען בעל כרחם אין טמא׳נעם מיליטער.

**דאס** איז א גזירה איומה על תושבי ארץ ישראל, ס׳איז א גזירת **שמד**! א גזירה פון **עקירת התורה**, עקירת לימוד התורה, עקירת שמירת התורה והמצוות!

**מיר** שרייען אויס: ס׳טאר נישט זיין קיין שום פשרה אין דעם! מיר שרייען אויס פאר די רעליגיעזע נאכשלעפער: **מיר זענען נישט מסכים פאר קיין שום פשרה, וואס איז נוגע חוק גיוס בני ישיבות!**. בעזר שמו יתברך וועלן מיר נישט שווייגן! מיר וועלן טוהן אלעס מה שבידינו, אפצוראטעווען די בחורי הישיבות צי אינגעלייט פון שמד. אז ס׳וועט זיך אויספעלן וועט מען צוזאמנעמען אלע קרייזן, אלע קהילות, לוחם צו זיין מלחמת ה׳ בכל קצוי תבל, מבטל צו זיין די ביטערע גזירה, ובעזרת השם יתברך נצליח.

# אחרית דבר

## לערנען די ספרים פון רבין ז״ל

**איך** וויל מסיים זיין מעין הפתיחה, ״והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ״, מיר וועלן זיך מחזק זיין און נעמען מפרי הארץ, **די תורות פונעם פעטער ז״ל אין די הייליגע ספרים.**

**איך וויל בעטן אלע מנהלי הישיבות, זאלן איינפירן א סדר, א שיעור וואו מ׳זאל מסביר זיין פאר די בחורים הקטנים עם הגדולים, די שיטה פונעם פעטער ז״ל, וואס ער האט מבאר געווען אין די הייליגע ספרים, ויואל משה, על הגאולה ועל התמורה, מ׳זאל זיי געבן צו פארשטיין, דעם עצם איסור הקמת המדינה, דעם עצם איסור פון שיתוף מיט די מדינה, דעם איסור משתתף צו זיין אין בחירות, און דעם איסור צו נעמען געלט פאר מוסדות החינוך, און די סיבות און די הסברים, פארוואס מ׳דארף זיך מונע זיין צו גיין אין די מקומות וואס זיי האבן איינגענומען** [נא], **אן קיין התחכמות! נישט מ׳זאל זיך זוכן עפעס איבערצוקלוגן.**

**מ׳זאל פארשטיין און מרגיש זיין התבדלות און שנאה צו ציונות, דאס הייסט צו דעם רעיון הציוני - אבער נישט פירן מלחמות קעגן א יחיד, נאר קעגן ציונות.**

**און נישט נתפעל ווערן אפילו מען זעט זיי זענען מצליח, און אז מ׳זעט אמאל אן הצלחה, ׳ולקחתם מפרי הארץ׳, זאל מען לערנען דעם ספה״ק ׳על הגאולה ועל התמורה׳, און מ׳וועט טרעפן חיזוק.**

---

**נא.** היינו המקומות שכבשו בשנת תשכ״ז, וכאשר ביאר רבינו ז״ל היטב בקונטרס על הגאולה ועל התמורה (סימן פ״ח) בענין הליכה לכותל המערבי שלא ילכו שם מחמת שנותנים בזה חיזוק להמינים והאפיקורסים שמתפארים בזה, ועוד טעמים שהאריך בזה רבינו מסימן צ״ב ואילך. ומסימן ק״ז ואילך בענין קבר רחל ומערת המכפילה.

עלטערע אידן זאלן איבערגעבן זכרונות וואס זיי האבן מיטגעלעבט

**תלמידים** פון פעטער ז״ל וואס האבן זוכה געווען צו הערן מפה קדשו דברים היוצאים מלב טהור, בלהבת אש, ובדמעות שליש, בבכיות נוראות, ס׳ליגט אויף ענק א חוב, א פליכט, איבערצוגעבן דאס פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך, מקצת מן המקצת אז זיי זאלן האבן אן השגה בדברי הרב הדומה למלאך ה׳, דעם אופן ווי אזוי דאס איז געזאגט געווארן, דער קאך !, דער פייער ווי אזוי עס האט נוגע געווען ללבו די מלחמה !, און נישט מאכן פון דעם ענין א קינדער שפיל, אדער א פאליטיק.

**איך** וויל בעטן פון די אידן וואס מען רופט זיי ׳אהבת קדומים׳, זיי זאלן פארציילן פאר די קינדער, פאר די אינגווארג, וויאזוי עס האט אויסגעזען די תפילות פון פעטער ז״ל, די בקשות אויף די גאולה, די בכיות פון ׳מפני חטאינו׳ יעדן יום טוב ביי מוסף, ווער ס׳געדענקט, ס׳קלינגט נאך אין די אויערן ׳אבינו מלכינו גלה כבוד מלכותך עלינו׳, מיט וואס פאר א בכיות דאס איז געזאגט געווארן. און נישט נאר יום טוב, נאר יעדן שבת ׳ממקומך מלכינו תופיע׳, ׳מתי תמלוך בציון׳, דאס השתפכות הנפש יעדן שבת.

**די** פייערדיגע דרשות פאר תקיעת שופר, כל נדרי, צי הושענא רבה, די געוואלדיגע געשרייען מקירות הלב, **״רבונו של עולם ווילאנג נאך וועלן מיר זיין אין גלות״ !** ווער ס׳געדענקט דאס, ס׳קלינגט אין די אויערן, די דברי תורה, די כיסופין צו די גאולה, די בענקשאפט, ווי אזוי ער האט געבענקט, ער האט ארויסגעקוקט, ער האט מקיים געווען דעם צפית לישועה.

קופת ׳שקל הקודש׳ **פאר** די מוסדות **על** טהרת הקודש

**היינט** איז כ׳ סיון תשע״ח, פאר פערציג יאר צוריק **כ׳ סיון תשל״ח** זענען זיך צוזאמענגעקומען אלפי ישראל על פי קריאתו פון **פעטער ז״ל** להצלת חינוך הטהור בארצינו הקדושה. ער האט דעמאלטס אויפגעשטעלט דעם ׳קרן הצלה׳, מ׳זאל שטיצן די מוסדות וואס זענען נישט נהנה פון שלטון הכופרים.

**איך** וויל זאגן דא פארן ציבור, איך פיל פאר וויכטיג אויפצושטעלן א קרן מיוחד פאר אנשי שלומינו, די מנדבים זאלן זיין אנשי שלומינו, מיטן נאמען 'שקל **הקודש**', דאס וועט זיין א קרן תמיכה פאר די מוסדות אין ארץ ישראל וואס זענען נישט נהנה משולחן איזבל. **אין כוונתינו להזיק ח"ו 'קרן הצלה'**, פונקט פארקערט, **מיר ווילן מחזק זיין 'קרן הצלה'**, דעס געלט וועט אויסגעטיילט ווערן ווען 'קרן הצלה' טיילט אויס אין ארץ ישראל - **צוזאמען מיט די הנהלה פון 'קרן הצלה' בארצינו הקדושה**, ויתקדש שם שמים על ידינו.

❖❖❖

יחיד בדורו **בחכמת אלקית** - ויחיד בדורו **בצלם אלקים**

**ס'איז** דא נאך א וויכטיגע נקודה וואס דארף ארויסגערעדט ווערן. איך ווייס אז ס'קוועטשט די שאלה. דער פעטער ז"ל האט מרים געווען ידו בקודש, בתורה שבכתב און תורה שבעל פה, מבאר צו זיין אין זיינע ספרים **ויואל משה און על הגאולה ועל התמורה**, ס'איז דברים קילורין לעינים, ענינים נשגבים, און אויף יעדן איינעם ליגט א חוב - ווי אונז האב מיר פריער געשמועסט - צו לערנען דאס.

**איך** וויל זאגן פאר דעם ציבור דא, **דער פעטער ז"ל איז געווען א יחיד בדורו בחכמת אלקית**, להבין ולהורות לדור דורים דער פגם אין אמונה אין השי"ת, און אין עניני ציונות וכל המסתעף.

**איך** ווייס, און יעדער ווייסט, ס'זענען איז געווען אסאך וואס האבן אים נישט פארשטאנען, מ'האט נישט פארשטאנען עומק מחשבתו, אונז דארף מיר וויסן איין זאך, **מ'טאר נישט כאפן התפעלות, נישט פון דעם צדיק און נישט פון דעם גדול**. מ'דארף האבן א גיאות דקדושה, ענטפערן פאר יעדן איינעם, **יא! דער רבי ז"ל איז געווען א יחיד בדורו!** ער איז ניצול געווארן מצפרני הרשעים מיטן צלם אלקים על פניו, מיט

די דיוקנא קדישא ונזר אלקיו על ראשו, דאס איז שמן משחת קודש[נב], דאס איז פון הימל א ראיה, צו סייעתא דשמיא לכל דבריו[נג], קיינער האט צו דעם נישט זוכה געווען, יהי׳ מי שיהי׳, וה׳ עמו שהלכה כמותו בכל מקום (סנהדרין צג:), נגד יהי׳ מי שיהי׳! קיינער בעולם האט נישט זוכה געווען צו דעם, ס׳זאל זיין נכנס בשלום ויצא בשלום (לשון המדרש על ר״ע), מיט׳ן צלם אלקים על ראשו, ממילא דארף מען נישט כאפן קיין התפעלות אויב עמיצער זאגט אנדערש.

---

**נב.** על פי הפסוק (תהלים קלג ב) כשמן הטוב על הראש יורד על הזקן.

**נג.** פעמים הרבה שמענו מפי מרן רבינו הברך משה ז״ל שהפליא דבר זה, אשר מן השמים סיבבו כי רביה״ק ז״ל היה היחידי שנשאר בדיוקנא קדישא בשלימותו, ובדברות קדשו (בחנוכת הבית של בנין בית רחל בקרית יואל ה׳ במדבר תשנ״ג) סיפר, כי רביה״ק אמר לו, שאף שהוא בעצמו לא רצה בשום אופן לגלח זקנו, עם כל זה היה מוכן אצלו מספריים, שבאם יכריחו אותו הרשעים לגלח יגלח, ולא ימסור נפשו להריגה על זה. ועם כל זה נעשה לו נס שאף האירו לו עם נר לתוך זקנו ואמרו שהוא נקי ויכול להשאר עם הדיוקנא קדישא.

**והסביר** רבינו הענין, על פי דברי החתם סופר בדרשותיו (שבת הגדול דף רמ.) לפרש הא דמבואר בגמרא (ברכות כז:) דביום שמינו את רבי אלעזר בן עזריה לנשיא בר תמני סרי שני הוה, אמר איזל ואימלך בדביתהו, והיא אמרה לו לית לך חורי, אתרחיש ליה ניסא ואהדרו ליה תמני סרי דרי חיורתא, והיינו דקאמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא בן שבעים שנה. ולכאורה צ״ב אם חכמי ישראל מינהו לנשיא בתוכם ולא חששו במה דלית ליה חיורי, לאיזה צורך נעשה נס זה. אבל הענין כי הנשיא יושב מושב אלקים בארץ, וצריך שיהיה לו חיורי דמות דיוקנו שלמעלה יתברך, שער רישיה כעמר נקי (דניאל ז ט), אמנם הם חשבו שבגלות שהוא בהסתר פנים אין כאן השראת השכינה ולא איכפת לן בחיורי, ועל כן נעשה לו באותו הלילה י״ח דרי חיורי, לומר כי משמים הסכימו שעוד ידו יתברך נטויה עלינו ושכינת עוזו בקרבינו, כאז כן עתה, עכ״ד.

**ועל** פי זה יש להסביר אחת מפלאות ה׳ שעשה עם כק״ד זללה״ה בהיותו במחנה ההסגר, שנשאר שלם בדיוקנא קדישא והרשעים הללו לא גילחו את זקנו. ולפי דברי החתם סופר מאת ה׳ היתה זאת, ולא עביד קוב״ה ניסא למגנא, כי הנשיא יושב מושב אלהים בארץ, ועל כן צריך שיהיה לו חיורי דמות דיוקנו של מעלה כביכול יתברך, וכדי שמשם תצא השפעת אלהית לבני דורו, על כן היה הכרח לנס הזה שבזמן אשר גברו הצרות ישאר בדיוקנא קדישא, למען הראות שאפילו בהסתר פנים איכא השראת השכינה בין בני ישראל, עכ״ד.

## דעת תורה פון אלע פריערדיגע צדיקים

**בפרט** אז מ׳ווייסט, ווי צדיקים פון דורות הקודמים האבן אלע לוחם געווען בכל נימי נפשם קעגן טומאת הציונות, וזאת התורה לא תהא מוחלפת (אחד מי״ג עקרי האמונה שאומרים באני מאמין בכל יום).

**דער** פעטער ז״ל האט שוין אמאל געזאגט, אז זיי זענען זיך מצטרף מיט אונז אין די אמת׳דיגע שיטה, אלע צדיקים, אלע גאונים, פון די פריערדיגע דורות שטייען מיט אונז, מיר זענען נישט קיין יחידים, מיר זענען נאר ממשיך דרכם [נד], **וכל החולק עליהם כחולק על השכינה.** (על פי לשון הרמב״ם הלכות ת״ת פ״ה ה״א).

**און** דאס דארפן מיר וויסן, והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ, מ׳זאל זיך מחזק זיין און נעמען דעת קדשם פון אלע צדיקים הגאונים אשר בארץ המה, און זיי מצרף זיין מיט אונז, און דאס וועט אונז געבן חיזוק.

**השי״ת** זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו גלייבן באמונה שלימה אין די י״ג עיקרי האמונה, בפרט אין ביאת המשיח, אז דער אייבערשטער אליינס וועט זיך מרחם זיין אויף אונז, ער וועט אונז שיקן משיחו הולך תמים, און נישט קיין גאולת שקר דורך זרועי בשר ודם. דער אייבערשטער וועט אודאי און אודאי מקיים זיין זיין הבטחה צו כלל ישראל, ושבתי את שבות עמי (עמוס ט יד).

---

**נד.** וז״ל רבינו בחידושי תורה (יום ב׳ דשבועות שנת תשי״ז): דבאמת מי שהולך בדרך זה, אפילו אם הוא נשאר יחידי אינו יחיד בעולמו, שהרי הוא מחובר ומקושר עם כל הצדיקים אמתיים וגדולי ישראל וגאונים אמתיים מדורות הקודמים, שאפילו יתקבצו כל הדור הזה כולם כאחד יהיה מי שיהיה, הם בטלים ומבוטלים וכאין נגד דורות הקודמים, ולדעתי אם צריכין לבחור יותר טוב לבחור להיות בדעה אחד ובשיטה אחת ובקשר עם הצדיקים האמתיים שמדור הקודם, מלהיות עם הדור הזה כולם כאחד מראש ועד סוף שהם כאפס ואין נגדם, מעתה מי שהולך בדרך זה הוא מחובר ומקושר עמם ומראה שמקורו ושורשו הוא משורש הטהרה וממקור קדוש יהלכון, ולעומת זה ההיפוך הוא להיפוך, עכ״ד.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין, ער זאל אונז אויסלייזן שנית לעיני כל חי, און ער זאל זיך מרחם זיין אויף אונז ברוב רחמיו וחסדיו מיט די ישועה אמיתית, בהתרוממות קרן התורה וישראל, במהרה בימינו אמן.

# ברכה לראש משביר

ידידינו הרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, במדה מרובה וגדושה, רודף צדקה וחסד ביד רחבה ורוח נדיבה, מכבד ה' מהונו, נודע בצדקת פזרונו, כשמן הטוב תורק שמו, עצה ותושיה ממנו נהנים, מש"ה זכה וזיכה את הרבים בהדפסת ספרי קדמונים, שבחו הטוב מי ימלל, אין גומרין עליו את ההלל

# מו"ה פינחס משה לאנדא נ"י

## אשר נדבה רוחו
## לנדב הוצאת הקונטרס הזה

ישא ברכה מאת ה' וצדקה מאלקי ישעו ויתברך ממעון הברכות בהשפעות טובות וכל מילי דמיטב, ואך טוב וחסד ירדוף אותו כל הימים, רב נחת דקדושה, במדה מרובה וגדושה, ויזכה להמשיך בפעולותיו הנכבדות רבות בשנים בבריות גופא ונהורא מעליא, עד ביאת הגואל

# משה זכה וזיכה את הרבים

יעלה לטובה ולברכה, ידידינו הרבני הנגיד החסיד המרומם, רחים ומוקיר רבנן, רודף צדקה וחסד ביד רחבה ורוח נדיבה זוכה ומזכה את הרבים במדה גדושה בהדפסת אור תורת מרן רבינו הקדוש זי"ע להרוות צמאון רבבות תלמידים וחסידים

## הרה"ח ר' **משה יעקב יוסף בראך** הי"ו

**מייסד ופטרון קרן המביא דורן לתלמיד חכם**
**ופטרון ספרי דברי יואל לשמו ולזכרו של מרן רבינו הקדוש זי"ע**

## אשר נדב ברוח נדיבה הדפסת והפצת הספרים
## לזכות רבבות שלומי אמוני ישראל

זכות פרסום האמונה של דברי רבותינו הקדושים יעמוד לו ולזרעו להתברך ממעון הברכות בהשפעות טובות וכל מילי דמיטב אך טוב וחסד כל הימים, ויזכה להמשיך בפעולותיו הכבירות עוד רבות בשנים לפרסם תורת אמת בעוז ובגבורה, בבריות גופא ונהורא מעליא, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו עט"ר הגה"ק שליט"א בראשינו בב"א.